# נאטיצן פון נטרונא

True Torah Jews
183 wilson Street, PMB 162
Brooklyn NY 11211
Tel: (718) 841-7053
Fax: (718) 504-4513
www.truetorahjews.com

#9
גליון ט' • חודש אייר תשס"ט לפ"ק • פנימי לחברי ואוהדי "נטרונא" מהנעשה ומהנשמע בתוך מפעלינו הק'

וויליאַמסבורג - מיט די דערנעטערונג פונעם יום המר והנמהר - ווען די טומאה הציונות פייערט זייער מרידה במלכות שמים, און דער ניאוץ במלכות שמים און די מרידה באומות איבער די וועלט צושפילט זיך אויף די העכסטע קלימאַקסן ל"ע - האָט דער באַרימטער מוסד 'נטרונא' פּראָקלאַמירט אַ גרויסאַרטיגער 'וצדיק באמונתו' קאַמפּיין. דאָס וועט געבן אַ מעגליכקייט פאַר כלל ישראל אויסצושרייען אין לנו חלק אין די כפירה הציונות, און מיר קלאַמערן זיך צו די אמונה הטהורה, דורך אַ קום ועשה פעולה און ווערן אַן אַקטיווער שותף אין די שטענדיגע פעולות התנגדיות וואָס נטרונא פירט אָן קעגן די כפירה הציונות.

עס איז שוין היינט וואויל באַוואוסט פאַרן ברייטן ציבור די ווייטגרייכנדע פאַרצווייגטע פעולות פון די חשוב'ע אָרגאַניזאַציע, וועלכע שטייט בקשרי המלחמה, טאָג טעגליך, קעגן דעם חילול שם שמים וואָס די ציונים זענען גורם, און די שטענדיגע חילול שם שמים וואָס זיי זייען אָן איבער די וועלט.

נטרונא איז היינט שוין וואויל באקאנט מיט איר פילטעטיגע פעולות סיי מיטן מפרסם זיין פאר די אומה"ע אז עוד ישראל רד עם ק"ל ועם קדושיו נאמן, און בעיקר כלפי אחב"י אריינצוברענגען אמונת אומן, די הסברה ווערט ווערט געשריבען בהשכל ובדעת, דברי חכמים בנחת נשמעים.

גאר א שטארקע געוויכט אינעם מוסד איז אריינצוברענגען פשוטע אמונה און צפי' לגאולה האמיתית בלבות אחב"י, עס ווערן גענטפערט "מידי יום ביומו" **אומצאליגע ברייוון** בנוגע די שיטה והמסתעף, און "מידי שבת בשבתו" די **פרשה פעירלס** טייטשען אויף די סדרה אריינגעפלאכטען די ריכטיגע דעת תורה, זה לעומת זה אקעגן די ציניסטישען בלעטליך פיל מיט סילוף תורתינו הק', די **ספר פאטסטעיפס אף די פלאקס**, דער **גליון לא בחיל** "לאור המצב -וואס ברענגט ארויס ביי יעדע שערורי' , דער חובת הלבבות ווי אזוי מען דארף טראכטען און צוגיין ביי אט די מצבים, און נישט נכשל ווערן מיט מחשבות פסולות, וואס קען זיך גרעניצען מיט מינות, דער חיבור נפלא **אפס בלתך גואלינו** -דער ספר האט געפענט א נייע וועלט פאר אומצאליגע אידן מבקשי אמת ואמונה, העם ההלכים בחשך ראו אור גָדול, דער **קונטרס**

**האתה עומד להצביע** ביי די זמן פון די בחירת הטמיאות- וואס איבערצייגט די קלארע פאקטען וואס מען האט פארהוילען פון די מתירי הבחירת, א הערליך **קאלירפול גליון** זה לעומת זה ביום המר והנמהר ה' אייר, באגלייט מיט מאמרים און בילדער פון גדולי ישראל

## גרויסאַרטיגע
## 'וצדיק באמונתו'
## מעמבער קאַמפּיין
## פּראָקלאַמירט דורך נטרונא צו ערמעגליכן צו ווערן שותפים אין די געוואַלדיגע פעולות, זה לעומת זה ביום המר והנמהר ה' אייר.

צילט אויסצופירן
שאיפת רבינו הקוה"ט זי"ע:
**"עס זאָל זיין א ארגענעזאציע מיט אפילו טויזענט מעמבערס וועט מען קענען אַסאַך אויפטאָן"**

זיך צו דערווייטערן פון ציונית והמסתעף, **נאטיצען פון נטרונא** מיטצוהאלטן דעטאלע נייעס אינהאלב נטרונא'ס ווערטשאפט, און צו מיטטיילען די פרישע אויפדעקונגען, **דער קול נטרונא** מיט די שיעורים ויואל משה, דרשת חיזוק, גאר אינטערסאנטע נייעס און באריכטען אין א תורה'דיגען בליק, און נאך אנדערע אפטיילונגען.

נטרונא באקומען צוריק גריסען פון אידען אומעטום אז אונזערע ווערטער זענען נר לרגלם, און זענען זייער דאנקבאר פאר זיי מעמיד על האמת, נישט אומזונסט

ציילט זיך אונזערע אידישע ליסטע אין די טויזענטער.

יא! נטרונא האט זיך ערווארבען צו זיין א ערענסטער טאן געבער ביי יהדות החרידית.

און להבדיל בין ישראל לעמים, האט נטרונא לויט די הוראות פון די גדולי הרבנים מעתיקי השמועה פון רבינו הקוה"ט זי"ע, איינגעשפּאַנט אַ געניטן אַפּאַראַט צו רעאַגירן מיט די פּאַסיגע מעטאָדן אָפּצושרייען די ציונ'יסטישע פּראָפּעגאַנדע איבער די וועלט. דאָס אלעס ציעט אַריין אין אַ בודזשעט פון איבער 250,000$ יערליך.

אין די קורצע יאָרן, האָט זיך די אָרגאַניזאַציע ב"ה אַרויסגעשטעלט העכסט אַפעקטיוו צו ברענגן דעם קול ה' בכח - אַז אַ ריזן ציבור ערליכע אידן שטעלן זיך קעגן די מדינה הציונות און אירע וואולגאַרישע שריט וועלכע רייצט אויף די אומות העולם - נאָך וואָס דער כח איז במשך יאָרן לאַנג כמעט נישט באַמערקט געוואָרן איבער די וועלט.

אַנשטאָט וואָס ביז היינט זענען די ציונים געווען די דע-פאַקטאָ פאַרטרעטער פונעם כלל ישראל - אַלץ זענען זיי געזען געוואָרן אַלס די וואָרטזאָגער פון אידן אומעטום - האָט נטרונא ב"ה באַוויזן צו ברענגן צום אויבערפלאַך דער פאַקט אַז כלל ישראל שטעלט זיך אַקעגן די מדינה און זייערע פּאָליטיקס. דאָס איז צו פאַרדאַנקן דעם געניטן שטאַב פון מומחים, וועלכע קומען אַלץ אויף מיט די פּאַסיגע מיטלען צו רעאַגירן צו דעם פיפיגן ציונ'יסטישן פּראָפּעגאַנדע אַפּאַראַט.

די שטאַב פאָלגט נאָך מיט אַן עינא פקיחא די ציונ'יסטישע דעקלעראַציעס און שריט, און רעאַגירט שטענדיג אויף אַ פּראַפּעסיענאַלן וועג מיט דברים של טעם, געשריבן און פאַרשפּרייט אויף אַ וועג עס זאָל האָבן די בעסטע השפעה. די מעטאָדן שליסן אַריין נאָך פילע מיטלען, אויסער די וועב-סייט וואָס ציעט טויזנטער ליינער וועכנטליך, ווי פּרעס רעליעסעס, אינטערוויוס, אנאנסען אין צייטונגען, ראדיא קאמערציעלס, ווי אויך ראגירט מען כסדר אויף וויכטיגע נייעס בנוגע מדינת ישראל מיט די תורה'דיגע שטעלונג וואס ווערט נאכגעפאלגעט מבכור פרעה היושב על כסאו עד בכור השפחה אשר אחר הרחים, פון הויכע פאלאטישענס ביזען פשוטען המון עם. און נאָך.

(פארזעצונג אויף קומענדיגע זייט)

Design by: C&G TYPOGRAPHIC / 718-935-1945

# גרויסאַרטיגע 'וצדיק באמונתו' מעמבער קאַמפּיין פּראָקלאַמירט זה לעומת זה ביום המר ה' אייר

(פארזעצונג פון די ערשטע זייט)

## נטרונא זענען שליחי דידן

במקום שיש חילול ה', קען קיין שום איד זיך נישט אַרויסדרייען פון די אחריות עס צו באַקעמפן. קיינער איז נישט קיין בן חורין ליפטר פון אָפּשלאָגן דעם שרעקליכן חילול ה' וואָס די מלכות המינות שאַפט ליידער מסוף העולם ועד סופו. טאָג טעגליך דאָמינירן זיי די נייעס, און די גאַנצע וועלט טייטעלט און איז מגנה די מעשים פונעם עם הנבחר, און אַממערסטן ווערן ליידער פאַרדאַמט די חרדי'שע אידן צוליב וואָס רעליגיעזע ציונים נוצן זייער גילוי פנים בתורה צו שטופּן די ראַדיקאַלע שלימת הארץ פּאָליטיק.

אויס דער חיוב פון נישט זיצן שטיל ווען עס קומט פאָר אַזאַ חילול שם שמים, איז דאָ דער חוב פיל שטערקער, ווייל פאַר די וואָס זיצן שטיל און טוען גאָרנישט, זענען ליידער דאָ אַנדערע וואָס פּראָקלאַמירן יאָ בשם התורה אַז זיי שטיצן די כפירה במלכות שמים און התגרות באומות.

ביי די רעיון הציוני קען מען ליידער יא זאגען נשתנו העיתים לגריעתא, די פרייע האבן זיך שוין כמעט ווי אויסגעטשוכעט פון דעם הערצל ימ"ש פלאן, און זעהן נישט קיין שום דויערהאפטיגען קיום פאר די מדינה, ווידער די פרומע שטיפען ליידער יא דעם עגל הזהב פיל שטערקער ווי אמאל, אין א אויספירליכע ארטיקעל אין זשראסעלעם פאוסט בנוגע עלי', די פארגאנגענע וואך, זענען זיי הולך רכיל ומגלה סוד אז זיבעציג פארצענט פון די עולים פארגאנגענע יאר זענען ארטאדאקסישע אידן, וואס לאזען איבער זייער פארמעגען, גוטע פריינט און משפחה, און זיך מתמכר לאליל הציוני רח"ל.

נטרונא האט קראנטע אינפארמאציע אז סוכנות איז יעצט גאר שטארק טעטיג אין פרומע שטעטליך אין ניו זשורסי אויפצוטרייבן ווי מער עולים, זיי נוצען אויס די איצטיגע זמן פון שוואכע פרנסות און זאגען צו דארט גאלדענע גליקען - וואס אגב לאזט זיך אייביג אויס מיט א משול כחרס הנשבר - ליידער איז סוכנות גאר שטארק צו פרידען פון די מספר וואס האט זיך אנגעשליסט מיט זיי, דאס אלעס פארשטערקעט דעם חיוב מער און מער אפצושלאגען דעם אויסקוק אז די מדינה הטמיאה זאל נישט האבען די מינדערסטע שייכות מיט די תורה הקדושה.

און בכלל דארף מען זיך מתבונן זיין; ווי קען א איד א חרד לדבר ה' זיצען גלייכגילטיג, ווען עס עקזעסטירט שוין א ממשלת המינות איבער זעכציג יאר, מיט א חירוף וגידוף אקעגן הנהגת הקב"ה גואל ישראל וקדושו, די מדינה וואס איז א כפירה אין השגחת הקב"ה לא האמינו באלוקים ולא בטחו בישועתו, כפירה בהבטחת התורה אין ישראל נגאלין אלא בתשובה, א פגיעה אין ביאת המשיח אחכה לו בכל יום שיבוא, א הכחשה אין גלות וגאולה מן השמים, א בגידה אינעם גזירת הגלות ומפני חטאינו גלינו מארצינו, און העברה על השבועות וואס מיר זענען באפוילען געווארן מפי הקב"ה.

אויסער כלפי שמיא, איז דער פאַקט ליידער אַז גויים וואָס ווערן אָנגערייצט פון די ציונ'יסטישע התגרות באומות זוכן ליידער נקמה צו נעמען פון אידן איבעראָל, און דאָס שטעלט אידן אין די וועלט אין אַ סכנה. וואָס מער מען באַווייזט צו ערקלערן פאַר די אומות דעם אונטערשיד צווישן ציונ'יסטן און אידן - וואָס נטרונא האָט ב"ה שטאַרק מצליח געווען אין דעם געביט - שאַפט עס אָפּ דעם צאָרן אויף ערליכע אידן און עס רעדוצירט די סכנות. דעריבער איז פשוט אַ חיוב זיך אָנצושליסן אין די פעולות, ווייל בגשמיות העלפט דאָס יעדן איד און עס פאַרמינערט די געפאַרן פון די אויפגערייצטע פעלקער.

די עסקנים שעפּן טאַקע גרויס חיזוק פון דעם וואָס דער ציבור אַנערקענט די געוואַלדיגע אַרבעט פון נטרונא, און ווי עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט פון דעם ריזיגן ציבור וועלכע איז צוזאַמענגעקומען ביי די פאַראַיאָריגע גרויסע אסיפה - און עס צייגט אַז דער ציבור וויל טאַקע אַנטייל נעמען אין די פעולות. אָבער עס איז וויכטיג זיך אָנצושליסן אויף אַ קביעות'דיגן אופן, כדי צו ווערן פאַררעכנט אַלס געהעריגער טייל פון דעם מלחמה למען כבוד שמו יתברך.

## שליחותא דקדמאי - פון רבינו הקוה"ט זי"ע

רבינו הקוה"ט זי"ע האָט כמה פעמים גערעדט וועגן די וויכטיקייט מכריז צו זיין פאַר די אומות העולם אַז די ציונים רעדן נישט אין נאָמען פונעם כלל ישראל. דער רבי זי"ע האָט זיך אויסגעדרוקט "מסירות נפש וואָלט מען געדאַרפט האָבן פאַר דעם."

כדי דאָס צו אויסצופירן, האָט רבינו הקוה"ט זי"ע, ווי פארציילט באריכות אין בוצינא קדישא, געאַרבעט אַהערצושטעלן אַ קביעות'דיגע אָרגאַניזאַציע פאַר דעם צוועק, פאָרזאָגנדיג אַז דאָס קען האָבן אַ שטאַרקע השפעה אָפּצוקעמפן די ציוני'סטשע פּראָפּעגאַנדע, און די התגרות באומות וואָס שטעלט די וועלט אידענטום אין אַ סכנה.

דער רבי זי"ע האָט פאַקטיש שוין אָנגעהויבן צו גרינדען אַזאַ קערפּערשאַפט, און האָט שוין פאָרמירט אַ קאָמיטע דערפאַר, עס איז נישט געוועהן נאר א פועל דמיוני נאר א סוף מעשה במחשבה תחילה. נטרונא איז אַן אויספירונג פון שאיפתו הקדושה, און מען איז דערמיט מקיים הוראתו אין די טכסיסי המלחמה קעגן די מלכות המינות.

(פארזעצונג אויף קומענדיגע זייט)

## פּרישע אַקטיוויטעטן:
# נטרונא שטעלט צו אינדענטיפיקאַציע קאַרטלעך פאַר מעמבערס

נאכן פארלאנג פון פילע חרדי'שע אידן, האט נטרונא אהערגעשטעלט א 'מעמבער איי.די. קארטל', וועלכע דינט אלס אידענטיפיקאציע אז דער טראגער איז א מיטגליד אין די True Torah Jews, און עס קומט אינאיינעם מיט א בילד פון דעם מענטש. עס ענטהאלט אויך א קורצן מעסעדזש וועלכע דערקלערט די התנגדות פון ערליכע אידן צו ציונות אויף ענגליש און אראביש (זע בייגעלייגטע בילד).

דער קארטל איז געשאפן געווארן אויפן פארלאנג פון ביזנעסלייט וועלכע האבן געליטן פון די האס וואס זייערע ביזנעס קאנטאקטס האבן באקומען צו אידן צוליב די אויפפירונגען פון די ציונים. פילע באנוצער פון די נטרונא ביזנעס-קארטל זאגן אז דאס האט זיי שוין אסאך געהאלפן פארבעסערן באציאונגען מיט ביזנעס פארבינדעטע.

אנהייב יאר, ווען מען האט געליטן פון א פלייץ פון אנטיסעמיטישע אינצידענטן אין חרדי'שע געגנטן אין אייראפע נאך די ציונ'יסטישע אקציע אין עזה, האט נטרונא באקומען פארלאנגן פון אידן צו צושטעלן די קארטלעך אויך אויף זייער שראך. צ.ב.ש., מ'האט עס צוגעשטעלט פאר אנטווערענער אידן אין פלעמיש, און מ'האט ב"ה געהערט גוטע גריסן. אידן האבן איבערגעגעבן ערזענליכע ע יזאדן ווי אזוי עס האט זיי געהאלפן ארא נעמען די האס פון זייערע שכנים.

אויסער דעם זענען פאראן וואס ווילן עס ארומטראגן אין טאש, צו האבן אן 'איני מכיר' דעקלעראציע, און דערמיט קענען מאכן די שטערקסטע מחאה קעגן די מדינה הציונות צו קענען צייגן אז מען איז נישט קיין טייל פונעם ניאוץ במלכות שמים.




די נטרונא 'גאלד קארטל' פאר מעמבערס




די נטרונא 'זילבער קארטל' פאר מעמבערס

# גרויסאַרטיגע 'וצדיק באמונתו' מעמבער קאַמפּיין פּראָקלאַמירט זה לעומת זה ביום המר ה' אייר

(פאַרזעצונג פון די ערשטע זייט)

## חבר אני

אין די צייט וואָס נטרונא האָט אַן אַקטיווער סטעפּ צו פירן די מערכות למען כבוד שמו יתברך, האָט עס אָבער נישט קיין שום פינאַנציעלער באַזע אויף וואָס זיך צו האַלטן. עס איז נישטאָ קיין שום הכנסה פון שכר לימוד א.ד.ג., און אַוודאי איז נישטאָ קיין גאָווערמענט הילף. אויך איז דער ציבור וואָס איז גרייט צו שטיצן און האָט אַ געפיל פאַר אַזאַ מוסד פיל באַגרעניצטער ווי סיי וועלכע אַנדערע אָרגאַניזאַציע אָדער מוסד.

נטרונא האָט טאַקע אַסאַך לייַנער פון פרעמדע קרייזן, ספּעציעלע פון תמימות'דיגע אַמעריקאַנער אידן פאַר וועלכע מ'האָט געעפנט אַ נייע וועלט אין די עיקרי ויסודי האמונה, און זיי שלינגען די אינפאָרמאַציע - ספּעציעל אין ענגליש - מיט דורשט. אידן וואָס האָבן קיינמאָל נישט געהערט אַז די גדולי הדורות האָבן געזען ציונות ווי אַ כפירה באַוועגונג, עפענען זיך די אויגן און ענדערן גענצליך זייערע מהלך המחשבה און השקפות בענייני הגאולה און אידישקייט.

אָבער פון די אידן קען מען נאָכנישט וואַרטן זיי זאָלן פאַרשטיין און האָבן אַ השגה זיך צו לאָזן קאָסטן פאַר די סאָרט אונטערנעמונג, און נטרונא האָט בכלל אַ פּאַליסי נישט צו פאָנד-רעיזען ביי אידן וועלכע מ'איז מקרב צום באר מים חיים, ווייל דאָס שוואַכט אָפּ די השפעה, און גיט אַ פּתחון פּה פאַר די וואָס זוכן איר אונטערצוברעכן און אָפּשוואַכן צו זאָגן אַז דער ציל איז צו שאַפן געלט, כדרכם.

אַלס אַ מוסד וועלכע טוט די שליחות פונעם ציבור, איז מען דעריבער אָנגעוויזן אויף אַ קביעות'דיגער דיוס פונעם ציבור צו קענען עקזיסטירן.

דער געדאַנק פון מעמבערשיפּ האָט דער רבי זי"ע אויפגעברענגט, איינזעענדיג אַז דאָס איז דער איינציגסטער וועג ווי אַזוי אַזאַ מוסד וועט זיך האַלטן, מיט אַ רעגלמעסיגע הכנסה. דער רבי זי"ע האָט אויך געזען די מעמערשיפּ אַלס מיטל צו פאַרשטערקערן די אָנזען פון די קערפּערשאַפּט צו איבערצייגן אַזאַ פאַרטרעטן אַ גרויסע צאָל ערליכע אידן, זאָגנדיג ביי אַ געלעגנהייט: "אַז עס וועט זיין טויזנט מעמבערס, וועט מען קענען אַסאַך אויפטאָן." עס איז דעריבער ערוואַרטעט אַז דער ציבור זאָל זיך וואַרים אָנשליסן אין די קאַמפּיין, און זיך אָנשליסן אַלס חברים אין 'נטרונא.'

בנוסף לזה, דאַרף מען זיך שפּורן אַלס זכות אַז מ'קען ווערן אַ מיטגליד, און מען איז יעדע רגע אַ שותף אין די קידוש שם קבל תבל ומלואה. מען האָט אַ חלק אין יעדע פעולה וואָס ווערט געטאָן, און מ'האָט אַ זכות אין די אומצאליגע אידן וואס עפענען זיך די אויגן צו די אמונה הטהורה, און די אומות העולם ענדיגן זייער שוואַרצן קוק אויפן כלל ישראל.

## הזמן גרמא - זה לעומת זה

איצט, איז די ריכטיגע צייט ווען אידן דאַרפן זיך אָנשליסן אין נטרונא, צו ווערן אַ טייל פון די קום ועשה'דיגע מחאה קעגן דעם חילול שם שמים מסוף העולם ועד סופו, וואָס ווערט אַמשטערקסטן ווען עס קומט דער יום המר והנמהר און זיי פירן דורך די צערעמאָניעס צו פייערן דעם ניאוץ במלכות שמים.

אין די צייט דאַרף יעדער זיכער מאַכן אַז מען רופט אויס אין לנו חלק במדינה הציונות, און מיר זענען פונעם לגיון של מלך וועלכע פאַרטיידיגן כבוד שמו יתברך. אַוודאי איז מען נישט פעאיג אַליין עס צו פּראָקלאַמירן קבל תבל ומלואה, דעריבער דאַרף מען זיך פרייען צו האָבן די מעגליכקייט צו ווערן אַ שותף אין די כסדר'דיגע הכרזה פון נטרונא, און אַזוי אַרום מסיר זיין דעם חרון אף אויף כלל ישראל און האָפענטליך מקרב זיין ביאת משיח צדקינו בב"א.




### רבי דוד מנחם מאניש באב"ד
### אבדק"ק טארנאפאל

...ועו"ד אשר דרש לשמוע חוו"ד על אשר נתעורר מאחד מהרבנים להשתדל בהקרבת קרבנות בזה"ז הנה לולי שכתב כתה"ר שהמעוררו לזה הוא איש גאון וצדיק וכוונתו לשמים **הייתי אומר שהתעוררות זאת איננה מסטרא דקדושה ולאו שעתא גרמה לדבר כעת מזה כי בעוה"ר גבר אויב והצליח מעשה שטן להדהות אמונת הגאולה השלימה והאמתית בעיני המון בית ישראל ולאמור כי בכחני ופועל ידינו נעשה לנו חיל לרשת את הארץ ולהאחז בה ולא בכח ה' והבטחתו ע"י עבדיו הנביאים ח"ו וצר לי אם אומר שיד הסט"א גברה לטוח עיני הרבה מקהל יראים ולהטעותם בענינים אלו וד"ל ודין גרמא להחליש כח האמונה והתקוה מלכות הקרבה מישראל לראות מהרה בתפארת התגלות כבוד מלכות שמים** וכי לאכול מפרי' אנו צריכים אם לא לקיים מצוותיו יתב' ולקבל עול מלכותו לעבדו בקדושה וטהרה והי' אם נבוא גם אנחנו עתה להקדים הקץ ולהקריב קרבנות שמה יאמרו הכל כי אך זאת לנו ולא אחרת לנו עוד ואין לנו לקוות עוד יותר ח"ו כן דעתי העני' נוטה:

[שו"ת חבצלת השרון, מהדורא תנינא, סימן כ"ג]

### הרה"ק מריזון

אמרתי שנכון למסור מה ששמעתי בשם אר"ז אור הקדוש מריזין זל"ה, **שבכל מקום שהצדיק חונה, שם נקרא ארץ ישראל,** ורמז הזה במה שאמרו רצועה יוצאת מארץ ישראל, ולכן הצדיק בכל מקום שהוא מרגיש טעם ואויר ארץ ישראל. גם שמעתי בשם אד"ז זל"ה שאמר בענין הגאולה **במסל"ה נעל"ה** ר"ת **ב**'יאת **מ**'שיח **ס**'וד **ל**'פני **ה**'עולם **נ**'עלם **ע**'ד **ל**'ביאת **ה**'זמן. ופעם אמר **נעל"ה** ר"ת **נ**'חכה **ע**'ת **ל**'חננה **ה**'אמיתות, ע"כ.

[קטע ממכתב הרה"ק ר' ישראל שלום יוסף ממעזיבוז ז"ל שכתב בעיר וויניצא]

### העתק קטע ממכתב שכתב שר התורה הגאון ר' אברהם מנחם מענדיל שטיינבערג ז"ל אב"ד בראדי, שנת ובששו"ן לפ"ק וז"ל:

והיטב חרה לי על שרבני "המזרחי" הפיצו שמועה שכ"ק אדמו"ר הרה"ק מריזין זי"ע הסכים עם הרה"ג ר' צבי קאלישער ז"ל. ואנא ידענא מילתא מפ"ק של אדמור הרה"ק רא"י מסאדיגערע, שאביו הרה"ק אמר, מי בא בסוד ה' לאמר לי כן תעשה, וקרא הן עוד היום גדול לא עת האסף, ואמר במסל"ה נעל"ה ר"ת ב'יאת מ'שיח ס'וד ל'פני ה'עולם נ'עלם ע'ד ל'ביאת ה'עת. ועל דברי ר' הילל בפרק חלק (סנהדרין צ"ט.) אין משיח לישראל וכו', אמר קדוש ישראל, כי ר' הילל ראה ברוח קדשו שיעמדו גואלים רמאים, ויהיו גם חסידים וצדיקים שיאמינו בהם, ויגרמו צרות לישראל, ולזה אמר אין משיח לישראל. ורש"י ירד לסוף דעתו של התנא הקדוש וכתב, אלא הקב"ה בכבודו ובעצמו יגאלם. ומהרה"ק החכם האלקי ר' נחום בער זי"ע (בנו של הרה"ק ר' שלום יוסף ז"ל בנו של הרה"ק מריזין ז"ל) שמעתי, כי זקינו הרה"ק מריזין אמר שצריכים לתת לב לדברי האור החיים בפ' יתרו כי ישראל הם בבחינת כלה, וכישראל עושים להם בעלים, הגם שלא ימרדו ולא יכחידו בבורא, השכל יחייב כי הבעל יתקנא, ע"כ.

# דרשות הסברה

## ביי די היסטארישע כינוס כללי פון "נטרונא" ב' מקץ תשס"ח אין קאנטינענטאל זאל

- דברי פתיחה -

## הרב ר' ליפא קליין שליט"א

**יושב ראש**

### כינוס לשם שמים

איך בין מקבל פנים דעם עולם מיט א "ברוכים הבאים בשם ה' ברכנוכם מבית ה'".

ווי פאסיג און ווי צוגעשטעלט איז דער פסוק אהער דא, ווייל דער עולם קומט טאקע באמת "בשם ה'", נישט פאר קיין שום פארטייאישע אינטערעסן, נישט פאר קיין כבוד און נישט פאר קיין געלט, נאר דער גאנצער ציבור וואס זיצט דא איז טאקע נאר כדי להתגדל ולהתקדש שמיה רבא, איז דאך ממש צוגעפאסט דער פסוק, און איך וועל טאקע מקבל זיין דעם עולם מיט דעם "ברוכים הבאים בשם ה' ברכנוכם מבית ה'", און דער אייבערשטער זאל העלפן אז פונעם היינט-נאכטיגן מעמד זאל טאקע יתעלה ווערן און נתקדש ווערן שמו ית' בעולם, און עס זאל מקרב זיין ביאת גואל צדק ב"ב.

### אונזער כינוס איז א קלארער המשך צום פריעדריגער כינוס און פירט אויס די הייליגע פקודה

מיר געפונען אין מדרש רבה (פר' וזאת הברכה) זאגט דער מדרש: הלכה אדם מישראל שעבר לפני התיבה וטעה, פרעגט דער מדרש כיצד הוא צריך לעשות – וואס דארף ער טאן, כך שנו חכמים העובר לפני התיבה וטעה יעבור אחר תחתיו – זאל א צווייטער איבערנעמען, פרעגט דער מדרש מנין הוא מתחיל – פון וואו פאנגט ער אן? זאגט דער מדרש ער פאנגט אן פון וואו יענער האט געענדיגט. פון וואו לערנט מען דאס ארויס? פון די אבות העולם. זאגט דער מדרש: ווען אברהם אבינו האט געבענטשט יצחק שטייט אין פסוק (בראשית כ"ה) ויתן אברהם את כל אשר לו ליצחק, פון דא לערנט מען ארויס אז ער האט אים געבענטשט, עמד יצחק לברך את יעקב אמר ממקום שפסק אבא משם אני מתחיל, אבא הפסיק ב"ויתן" אף אני מתחיל ב"ויתן", מנין שנאמר (שם כ"ז) ויתן לך אלקים מטל השמים. ובמה חתם יצחק – מיט וואס האט יצחק געענדיגט? בקרייה, שנאמר (שם כ"ח) ויקרא יצחק אל יעקב ויברך אותו, עמד יעקב לברך את השבטים אמר איני פותח אלא בקרייה שנאמר (שם מ"ט) ויקרא יעקב אל בניו, ובמה חתם? מיט וואס האט יעקב אבינו געענדיגט בענטשן, ב"זאת", שנאמר (שם) וזאת אשר דבר להן אביהן, עמד משה לברך את ישראל אמר איני פותח אלא בזאת מנין ממה שקרינו בענין "וזאת הברכה".

**לענינינו, פאר 47 יאר צוריק, האט רביה"ק צוזאמגערופן א כינוס כללי, און דארטן ביי די פריערדיגע כינוס כללי האט ער געענדיגט – טאקע דארטן פאנגן מיר אן, דארט וואו די פריערדיגע האבן געענדיגט, דארט פאנגן מיר אן.**

**מיט דעם וואס רביה"ק האט אויסגעפירט און אויסגעשריגן בדם לבו הקדוש אז די גרעסטע מצוה וואלט געווען – עס איז באקאנט פאר יעדן איינעם וואס רביה"ק האט דאן געזאגט – מודיע זיין די אומות אז די ציונים זענען נישט די פארטרעטער פון כלל ישראל, און אז אידן שומרי תורה ומצות האבן מיט זיי קיין שום שייכות נישט. ביי דעם פונקט טאקע פאנגן מיר היינט אן דא.**

דאס איז וואס "נטרונא" טוהט שוין די אלע יארן, און פארדעם האט מען צוזאמגערופן דעם כינוס כללי, ממשיך צו זיין ווייטער דארט ווי דער רבי האט געענדיגט דעם פריערדיגן כינוס כללי.

### "נטרונא" איז א אויפפרישונג פון פריער

עס איז ידוע ומפורסם און עס איז נישט דא דאס פלאץ איבערצוגיין וואס רביה"ק פלעגט ביי יעדע געלעגנהייט זאגן, דעם געוואלדיגן חיוב און דעם געוואלדיגן מצוה וואס ליגט אויף יעדן איינעם צו טאן מה שביכולתו בכל עת ובכל זמן מוחה צו זיין קעגן די מדינה, קעגן די מרידה קעגן אייבערשטן, ווי עס איז באקאנט די ווערטער פון רב"ן: ואני אומר שמצד הלכה – און דער רבי זאגט "ויש לי הרבה ראיות ומקורות על זה", דאס האט דער רבי געזאגט ביי די אסיפה פון די התאחדות הרבנים תשי"ח – מצוה על כל יחיד ורבים להפגין ולהתריע באיזה אופן שיכול בכל עת ובכל שעה ובכל מקום – ווען מען קען נאר דארף מען מוחה זיין.

און דאס איז באמת אויף וואס דער כינוס איז געשטעלט, דאס זענען זאכן וואס יעדער ווייסט, מען דארף נישט פאר אנשי שלומינו תלמידי וחסידי רבינו הקדוש נאכאמאל דערמאנען די זאכן. נאר וואס דען, עס איז באקאנט די ווערטער פון מסילת ישרים וואס ער שרייבט אין די הקדמה צום ספר אז ער פרובירט נישט מחדש צו זיין קיין נייע זאכן, נאר מעורר צו זיין די אלטע.

**די זעלבע זאך זענען מיר אויך דא, אויפצופרישן דעם פלאם וואס ליגט ביי אלע אנשי שלומינו תלמידי וחסידי רבינו הקדוש, דאס וואס דער רבי האט אונז געלערנט כסדר אז מען דארף זען צו טאן וואס מען קען, מוחה צו זיין בכל עת ובכל שעה ובכל מקום. פארדעם קומען מיר זיך דא צוזאם, מעורר צו זיין נאכאמאל דעם פלאם וואס ליגט ביי אלע אנשי שלומינו.**

אלע מצוות האט דער אייבערשטער אויסגעשטעלט – סיי ברוחניות און סיי בגשמיות איז די בריאה אזוי אויסגעשטעלט – אז יעדער מענטש קען געבן פאר א צווייטן דאס וואס ער פארמאגט. ברוחניות – ווען עס קומט צו תורה, קען א מענטש לערנען תורה מיט א צווייטן, "ללמוד וללמד" ווי מען זעט כסדר. צי איז דאס געלט, אז א מענטש קען געבן געלט פאר צדקה. צי איז דאס תפילה,

# המשך דרשות הסברה
## ביי היסטארישע כינוס כללי
## פון נטרונא ב' מקץ תשס"ח

קען א מענטש בעטן פאר א צווייטן ווען איינער נויטיגט זיך אין תפילה. און אזוי ווייטער. יעדע זאך וואס א מענטש פארמאגט קען ער טיילן מיט אנדערע.

### די חיוב מחאה קען היינט צוגעשטעלט ווערן אויף פיל בעסערער פארנעם און פאר ווייניג געלט

דער מצוה פון מוחה זיין אקעגן די מדינה און מרידה, וואס שטייט שוין אזויפיל יארן און איז מחלל שם שמים בכל העולם כולו, נאך פאר די מדינה איז געשטאנען און כל שכן וכל שכן זייט די מדינה שטייט, איז געווען זייער שווער אז יעדער יחיד זאל קענען אויפטאן זיין חלק אין די מצות מחאה. עס איז למעשה נישט געווען מעגליך און מציאות'דיג אז יעדער יחיד זאל קענען מוחה זיין אזוי ווי דער רבי האט טאקע געזאגט "בכל עת ובכל מקום ובכל שעה".

דאס איז אלס געווען ביז "נטרונא" איז אויפגעשטאנען, אבער כהיום וואס עס שטייט אזא מוסד "נטרונא" טוט נטרונא אויספירן דעם רצון פון רבי'ן וואס דער רבי האט אונז געשריגן פאר 47 יאר צוריק אז "מצוה על כל יחיד ורבים לפגון ולהתריע בכל יכולתו בכל עת ובכל מקום ובכל שעה", דאס גיט נטרונא היינט די מעגליכקייט פאר יעדן יחיד אנטיילצונעמען אין די געוואלדיגע מצוה.

> עס... זענען דא הונדערטער און טויזנטער אידן וואס זענען גרייט צו הערן דעם דבר ה', עס דארף נאר זיין איינער וואס זאל עס זאגן... די פעולה טוהט אויך נטרונא, מען טוהט כסדר מפרסם זיין אויף כמה וכמה דרכים...

יעדע יחיד באשר הוא שם, מיט דעם וואס ער נעמט א חלק אין די פעולות פון נטרונא, וואס נטרונא איז דער מוסד וואס טוט טאקע בכל עת ובכל מקום ובכל שעה, 24 שעה א טאג, אלע טעג פון די וואך, איז דא מיטלן וואס נטרונא טוט מודיע צו זיין סיי פאר דער וואס וויל הערן און סיי פאר די וואס ווילן נישט הערן, אז די ציונים זענען נישט די פארטרעטער פון כלל ישראל, און דורכדעם – בפרט היינט וואס נטרונא שטעלט אהער די מעגליכקייט פון "מעמבערשיפ" אז יעדע איד אפילו ער איז נישט קיין גרויסער בעל יכולת זאל קענען אפילו נאר מיט 10 דאלער א חודש נעמען א חלק אין די געוואלדיגע פעולות, און מיט דעם אויספירן דעם רצון פון רביה"ק וואס ער האט אויסגעשריגן אז מצוה על כל יחיד ורבים להפגין ולהתריע, און מודיע זיין פאר די וועלט אז די ציונים זענען נישט די פארטרעטער פון כלל ישראל.

די וועלט האט זיך אזוי געטוישט, און די מעגליכקייט היינט קומט אויס אז אפילו מיט דאס ביסל געלט וואס קומט אריין, כאטשיג עס טרעפט זיך נישט צוזאם אזעלכע גרויסע געלטער, אבער מיט קלייניגקייטן קען מען זייער אסאך אויפטאן. כאטשיג יעדע זאך קאסט געלט, און אן געלט קען מען גארנישט, אבער מיט קליינע געלטער קען מען היינט ווי מ'זאגט אויפן "פראפעסיאנאלן" אופן אסאך אסאך אויפטאן און אויסרופן קבל עולם ומלואו, סיי פאר די גוים, און סיי להבדיל פאר די אידן וואס ווייסן נישט, דעם געוואלדיגן ענין אז "תורה טרייע אידן" גייען נישט צוזאמען מיט ציונות, דאס זענען צוויי קעגנגעזעצטע זאכן.

### די צווייפאכיגע פעולות פון "נטרונא" מיט "איין ציל" שיתקדש ויתאהב שם שמים בעולם

מיר וועלן נישט יעצט אריינגיין אין די אלע פעולות פון נטרונא פון די לעצטע 7 יאר, וואס נטרונא איז אלץ אדורכגעגאנגען פון ווען די מוסד האט זיך אויפגעשטעלט, געגוג אידן וועלן נאך רעדן היינט נאכט באריכות פון די פעולות פון נטרונא, ובפרט די אלע שוועריקייטן וואס נטרונא איז אדורכגעגאנגען אנפאנג, דער עולם ווייסט אפילו נישט וויפיל שוועריקייטן און וויפיל סטראשונגען נטרונא האט באקומען, וויפיל שטיינער זענען געליגן אויפן וועג ביז נטרונא איז אויסגעשטיגן צו דאס וואס זי איז היינט אויסגעשטיגן, א מוסד וואס איז אנערקענט איבעראל. ביי די גוים רעכנט מען זיך מיט וואס נטרונא זאגט, און די אידן ווייסן אויך – די אידן וואס ווייסן אז מיר זענען א גרויסע מוסד וואס פארמאגט אונטער זיך הונדערטער טויזנטער אידן.

במשך די לעצטע 7 יאר האט נטרונא מורא'דיג אסאך אויפגעטאן אין דעם פעלד, ווי דער עולם וועט הערן שפעטער, אבער בקיצור נמרץ פארמאגט נטרונא "צוויי פראנטן" מיט "איין ציהל"!

צוויי פראנטן – ווי מיר האבן געשמועסט, סיי דעם חלק פון מודיע זיין פאר גוים, ווי דער רבי זאגט אז די גרעסטע מצוה וואלט געווען מודיע זיין פאר די אומות. און סיי דעם חלק פון אויסלערנען פאר אידן. עס זענען דא היינט צענדליגער און הונדערטער – מען קען זאגן טויזענטער – אידן וואס נישט פשט זיי ווילן זיין ציונים און זיי ווילן האלטן אז "ציונים" דאס איז "אידן" ווייל זיי ווילן אזוי, נאר פשוט ווייל מען האט זיי אזוי געלערנט און זיי ווייסן נישט עפעס אנדערש, זיי האבן קיינמאל נישט געהערט אז עס איז דא עפעס אן אנדערע דעה.

דאס מציאות האט אויפגעוויזן – מען קען נישט יעצט ארויסברענגען אלע מציאות'ן און פארציילן אלע פאקטן, אבער דאס מציאות האט אויפגעוויזן – אז הונדערטער און טויזענטער אידן כאפן התפעלות פון די דברי אמת – ווי דער מציאות איז דאך אז "קבל את האמת ממי שאמרו". א מענטש וואס איז גרייט עכ"פ צו הערן און האט נישט קיין זייטיגע שטערונגען איינצוזען דעם אמת, מיט אביסל יגיעה און מיט אביסל אז מען דערציילט אים די פשטות התורה, זעהט ער איין אלעס.

דער ציהל פון נטרונא דאס איז איינס, לאמיר זעהן וואס דער הייליגער רמב"ם שרייבט אין ספר המצות (מצוה ג') ביי די מצוה פון ואהבת את ה' אלקיך וגו', זאגט דער רמב"ם מורא'דיגע ווערטער: וכבר אמרו שמצוה זו כוללת גם כן שנדרש ונקרא האנשים כולם לעבודתו ית' ולהאמין בו, וזה כשתאהב אדם תשים לבך עליו ותשבחהו ותבקש האנשים לאהוב אותו, וזה על צד המשל כן, כשתאהב הא-ל באמת כמה שהגיעה לך מהשגת אמיתתו, הנה אתה בלי ספק תדרוש ותקרא הכופרים והסכלים לידיעת האמת אשר ידעת אותה.

עס איז קלאר – זאגט דער הייליגער רמב"ם – אז אויב א איד האט באמת ליב דעם איבערשטן, וועט ער וועלן אז עס זאל נתקדש ונתאהב ווערן שמו יתברך בכל העולם כולו, אז אנדערע אידן זאלן אויך ליב האבן דעם איבערשטן, ווי דער לשון הסיפרי וואס דער רמב"ם ברענגט "ואהבת את ה', אהבהו על הבריות". דאס איז דער ציהל וואס שטייט נטרונא פאר די אויגן!

### די שרעקליכע חילול שם שמים וואס ווערט געשאפן און די ארבעט פון "נטרונא" אקעגן דעם

עס לאזט זיך נישט זאגן און עס לאזט זיך נישט גלייבן וויפיל גוים און אפילו אידן איבער די גאנצע וועלט, ווען זיי זעהן די אלע מעשי התגרות פון די ציונים, ווען זיי זעהן די אלע פעולות וואס זיי טוען אפ אויפצורייצן די גוים, סיי וואס וואוינען ארום זיך און סיי וואס וואוינען אויף אנדערע פלעצער, וואספארא געוואלדיגע חילול השם וואס דאס שאפט.

נטרונא אליין האלט אין איין באקומען אזעלכע אימעילס וכדומה אנדערע זאכן וואס די גוים זאגן "איך האב מיך אייביג געוואונדערט וויאזוי

# המשך דרשות הסברה ביי היסטארישע כינוס כללי פון נטרונא ב' מקץ תשס"ח

קען זיין, מען טאר זיך נישט לאזן אזוי פארפארן אז זיי העצן אויף די גאנצע וועלט אקעגן זיך", און זיי האבן הנאה צו זען אז עס זענען דא טויזענטער אידן וואס האלטן נישט מיט מיט די מעשי הציונים.

דאס איז דער ציהל וואס נטרונא האט געשטעלט פאר זיך, אז עס זאל נתאהב ווערן שמו יתברך בעולם, מקיים צו זיין דער מצוה ווי דער רמב"ם זאגט, ארויסגיין און אויסשרייען פאר די גאנצע וועלט וואס די אמת'ע דעת תורה איז, און דער אמת'ער דעת קעגן די אלע התגרות וואס די ציונים מאכן אן.

מען איז דאס מקיים דורך די וועבזייט וואס נטרונא פארמאגט, וואס העכער 7 מיליאן מענטשן האבן שוין באזוכט דארטן, און דארט ווערט נתגלה דער אמת, דער עולם זעט דאס קלאר.

די "פרעס רעליסעס" וואס מען געט ארויס נאך יעדע נייעס וואס די חברה מאכן אן מיט זייערע התגרות און אלע פעולות וואס זיי טוען, דורכדעם וואס נטרונא געט ארויס פרעס-רעליסעס און מען געט ארויס פאר די צייטונגען וואס די דעת תורה אמיתית איז.

און די זעלבע זאך דורך ראדיא, וואס פונקט יעצט האט מען דאס טאקע אויך געטאן ווי באקאנט, ווען די רעליגיעזע פארטייען האבן אנגעמאכט א חילול השם און א געוואלדיגע התגרות באומות, האט נטרונא אויך מפרסם געווען יעצט, טאקע די וואך, אויף די ראדיא – וואס יעדע מינוט אליין קאסט אפ טויזענט דאלער – האט מען אפגעדינגן אסאך מינוטן און מפרסם געווען אז דאס איז נישט דער דעת תורה אמיתית, ווייל די תורה פארלאנגט פון אונז מיר זאלן זיין אין גלות, און די אלע וואס זאגן אנדערש זיי פעלשן דעם אמת'ן דעת תורה.

דאס איז איין חלק וואס נטרונא טוהט.

## די ארבעט פון "נטרונא" צווישן אחינו בני ישראל

דער צווייטער חלק, ווי דער חובת הלבבות זאגט, באקאנטע ווערטער פונעם חובת הלבבות, א איד וואס אפילו ער זאל זיין זייער הייליג "אילו היה קרוב למלאכים" אפילו ער זאל שטייגן במעלות רמות, און צוקומען נאנט צו די מלאכים'ס מדריגה און זייערע מנהגים, קומט אבער נישט זיין זכות צו צו איינער וואס איז זוכה צוצוברענגן צום ריכטיגען וועג, ער איז מורה דעם דרך האמיתי, איינער וואס ברענגט צו אז עס זאל נתגדל ונתקדש ווערן שמו יתברך בעולם. דער זכות פון איינער וואס ברענגט צו אז אנדערע אידן זאלן אויף איינזעהן דעם אמת, זיין זכות איז געדאפלט, און עס איז נאך מער ווי געדאפעלט פון איינעם וואס איז אפילו נאנט צו א מדריגה פון א מלאך – אזוי זאגט דער הייליגער חובת הלבבות.

דאס איז דער צווייטער חלק וואס נטרונא טוהט, אויפצוקלערן פאר אידן בכל קצוי תבל, ווי מען האט דערמאנט פריער אין קורצן און מען וועט הערן שפעטער באריכות, אז עס זענען דא הונדערטער און טויזנטער אידן וואס זענען גרייט צו הערן דעם דבר ה', עס דארף נאר זיין איינער וואס זאל עס זאגן.

די פעולה טוהט אויך נטרונא, מען טוהט כסדר מפרסם זיין אויף כמה וכמה דרכים, קודם קומט ארויס יעדע וואך א גליון "פרשה פערל'ס" (מען האט שוין א גאנצע ביכל צוזאמגעשטעלט פון דעם), ווי אויך האט נטרונא אן אפיס וואו מען ענטפערט כסדר, די אידן האבן דאך אסאך קשיות, אלע יארן זענען זיי דאך אויפגעוואקסן מיט אן אנדערע מין מיינונג, מען האט דאך זיי אנדערש אויסגעלערנט, און ווען זיי הערן דעם דעת האבן זיי כסדר קשיות, זיי פארשטייען נישט, די אלע זאכן וואס מען האט זיי געלערנט, די פאלשע זאכן, אז ארץ ישראל געהערט פאר אידן וכדומה, קומען זיי כסדר מיט קשיות וואס זיי פרעגן אונז, זיי פרעגן אן אין אפיס וואס איז פשט פון די פסוקים, וואס איז פשט פון די מאמרי חז"ל וואס די (ציונים) פארדרייען כסדר, און מען דארף זיי אויפקלערן דעם אמת.

> ...מען ווייסט נישט וויפיל שוועריקייטן און וויפיל סטראשונגען נטרונא האט באקומען, וויפיל שטיינער זענען געליגן אויפן וועג ביז נטרונא איז אויסגעשטיגן צו דאס וואס זי איז היינט אויסגעשטיגן...

דאס אלעס טוהט אויפקלערן די אידן, און טוהט צוברענגן אז נאך הונדערטער טויזנטער אידן זאלן איינזען דעם אמת, עס זאל נתקדש ווערן און נתאהב ווערן שמו יתברך בעולם.

## די תכלית פונעם כינוס צו משתף זיין דעם ציבור מיט די פעולות פון נטרונא

דער תכלית פונעם היינטיגן אסיפה און כינוס כללי איז מאמץ צו זיין דברי רבינו הקדוש, און געבן די געלעגנהייט ווי רביה"ק האט געזאגט פאר 47 יאר צוריק, אז די מצוה איז על כל יחיד ורבים להפגין ולהתריע מה שביכלתו. די היינטיגע מעמד געט די געלעגנהייט פאר יעדן יחיד אנטיילצונעמען אין די מצוה וואס רביה"ק האט אונז געלערנט, און מען זאל טאקע קענען מוחה זיין בכל עת ובכל שעה ובכל מקום דורכדעם וואס ער נעמט דעם מינימאלן מעמבערשיפ האט ער א חלק אין די אלע פעולות וואס נטרונא טוהט בכל עת ובכל מקום ובכל שעה.

*

ביי דעם געלעגנהייט וועלן מיר אויסרופן הרב הגאון המפורסם ר"מ בישיבת שער אפרים ובית דוד מאנסי, הרב הגאון ר' יצחק אהרן פאגעל שליט"א, ער זאל אויפטרעטן מיט דברי פתיחה צום היינטיגן מעמד.

# דרשת הרב יצחק אהרן פאגעל שליט"א ר"מ בית דוד מאנסי

## השי"ת גיט יעדן איד כח צו קענען רעדן ריינע אמונה

יראתי בפצותי וכו', אבער ווען מען רעדט פון אמונה, ווען אידן קומען זיך צוזאם ביים סדר נאכט זיך קובע זיין צו רעדן פון אמונה, הייבט מען דאך טאקע אן מיטן "וכאן הבן שואל", מען הייבט אן מיטן תינוק, זעה מיר דאך אז אפילו ווער עס איז אין די בחינה פון שאינו יודע לשאול איז דא א חיוב פון את פתח לו, אז דער טאטע זאל אים עפענען דאס מויל. בעט מען אבינו שבשמים, ה' שפתי תפתח, עס זאל זיין א פתיחה אין די הערצער פון אידן עס זאל קענען אריינגיין, עס זאל זיין א פתיחה פון שערי שמים, שלא יצא מאתנו מכשול.

# המשך דרשות הסברה
## ביי היסטארישע כינוס כללי
## פון נטרונא ב' מקץ תשס"ח

### אז נדברו יראי ד' – אפילו אין א צייט פון חושך

עס איז געשטאנען "דברי פתיחה", נו, הפותח והחותם בתורה מברך לפניה ולאחריה, דארף איך טאקע אפגעבן א שבח והודאה צום אייבערשטן: ברוך הוא אלקינו שבראנו לכבודו והבדילנו מן התועים ונתן לנו תורת אמת. מיר זאגן טאקע אז מיר לעבן אין אזא צייט וואס "החושך יכסה ארץ", און דאך איז דא אזא ציבור פון טייערע אידן וואס נעמען זיך צוזאם רעדן דברי אמונה, עס האט א באזונדערע חשיבות.

"אָז" אין יענע צייט "נדברו יראי ה' איש אל רעהו ויקשב ה' וישמע ויכתב בספר זכרון לפניו ליראי ה' ולחושבי שמו", אזוי ווי עס שטייט אין פסוק "העם ההולכים בחושך ראו אור גדול", אז אפילו עס איז א מצב פון חושך, דאך העם "ההולכים" מען איז הולכים, מען איז נישט קיין טועים, מען גייט אויף אן אויסגעטרעטענעם וועג נישט מען בלאנדזשעט, די אלע וועגן וואס זענען נישט בדרך האמת הייסן נישט קיין "הליכה" בכלל, אזוי ווי חז"ל זאגן "הליכות עולם לו, אל תיקרי הליכות אלא הלכות", איר זאלט נישט רופן קיין שום הליכה נאר די הלכות, אן אמת'ע הילוך הייסט נאר הלכות בדרך התורה.

> ..."אין אידישקייט דארף מען מער לעבעדיגע זאכן, געשמאקע זאכן, נישט עפעס מיט א מדינה, לאז שוין אפ, מוזט עפעס קריטיקירן כסדר? דער עולם האלט ביי דעם, וואס דארף מען רעדן פון אזעלכע סארט זאכן...?

### די גרויסע אור צו וואס מיר האבן זוכה געווען אין אזא ביטערע חשכות

מיר געפונען טאקע כסדר אז ווען מען איז מקיים דעם "הולכים בחושך" האט מען א באזונדערע ברכה פון ראו אור גדול, מען איז זוכה צו א גרויסע אור, נישט סתם א געוויינליכע אור נאר א גרויסע אור. יעצט טאקע איז געווען כ"א כסליו, מן הסתמא זענען דא אסאך אידן וואס האבן געזען דעם אור גדול בחיים חיותו, דער הייליגער רבי זי"ע, און אפילו די וואס האבן נישט געזען, זעהן דאס דעם אור גדול אין זיינע הייליגע ספרים. דאס איז דער שכר אז מען האלט זיך, אז מען איז "הולכים בחושך" קען מען זוכה זיין צו זעהן דעם אור גדול. און אויף דעם אלעם דארף מען געבן א באזונדערע שבח והודיה צום אייבערשטן.

### די חשכות פון די יונים שיין צו מאכן דאס חיצוניות און פארבלענדען דעם חילול הקודש

מיר האלטן יעצט ערב חנוכה, עס שטייט אין מדרש (בראשית רבה) אויפן פסוק והארץ היתה תוהו ובוהו וחושך על פני תהום, ריש לקיש פתר קרא בגליות, תוהו זו בבל, ובוהו זו פרס ומדי, חושך זו יון שהחשיכו עיניהם של ישראל בגזירותיהם, שאמרו כתבו לכם על קרן השור שאין לכם חלק באלקי ישראל. דארף מען פארשטיין פארוואס עפעס דוקא ביי יון שטייט אן ענין פון חושך, א פינסטערניש, אלע גליות זענען דאך טונקל און פינסטער. נאר עס קען זיין, עס שטייט אין שפת אמת אז גלות יון איז געווען אנדערש ווי אלע אנדערע גליות, ווייל ביי אלע אנדערע גליות איז נישט געשטאנען דער בית המקדש, פארקערט דאס איז געווען א חלק פונעם גלות אז דאס ביהמ"ק איז חרוב געווארן, פשוט בגשמיות חרוב געווארן, נבוכדנאצר האט חרוב געמאכט דאס בית המקדש, אחשורוש האט נישט געלאזט בויען דאס בית המקדש, ווי עס שטייט אין פסוק במלכות אחשורוש בתחלת מלכותו כתבו שטנה על יושבי יהודה וירושלים, און אדום האט דאך ווייטער חרוב געמאכט, אבער די יונים האבן געלאזט דעם בית המקדש שטיין, נאר זיי האבן עס מחלל געווען פון די קדושה, אזוי ווי עס שטייט אין די גמרא עבודה זרה באו פריצים וחללוה, וואס דאס גייט ארויף אויף מלכות יון.

עס שטייט טאקע פון ר' חיים וויטאל אז די יוונים האבן דוקא געוואלט אז מען זאל ווייטער צינדן די מנורה, נאר מיט שמן טמא, הייסט עס אז זיי האבן געוואלט עבודת המקדש בטומאה, און דאס איז שוין א שרעקליכע חושך, ווייל מיט די פליישיגע אויגן זעט מען נישט די צרה, מען זעהט אז דאס חיצוניות'דיגע בית המקדש שטייט נאך, ממילא קען מען זיך נאך איינרעדן אז די צרה עקזיסטירט בכלל נישט.

און דאס האבן די יונים טאקע געוואלט, פארבלענדן די אויגן, אז מען זאל זיין צופרידן מיט א חיצוניות'דיגע בית המקדש, מיט א חיצוניות'דיגע תורה, און נישט מבדיל זיין, נישט האבן די אויגן צו מבדיל זיין בין טמא לטהור בין קודש לחול.

דאס קען זיין פשט אין פסוק, דער רבי זאגט עס אין די בהעלותך תורה (ער זאגט עס אויף די ציונים טאקע, אבער עס קען זיין די יונים אויך), על זה היה דוה לבינו על אלה חשכו עינינו על הר ציון ששמם שועלים הלכו בו, רש"י איז דארטן מפרש אז די ערשטע חלק פונעם פסוק "על זה היה דוה לבינו" גייט אויפן ערשטן חלק פונעם צווייטן פסוק "על הר ציון ששמם", און "על אלה חשכו עינינו" גייט אויף "שועלים הלכו בו", דאס הייסט אז בשעת עס איז געווען "הר ציון ששמם" פשוט בגשמיות מען האט חרוב געמאכט דאס בית המקדש און עס וויסט געמאכט, איז "דוה לבינו", עס איז א ווייטאג, אבער אויב עס איז "שועלים הלכו בו" דאס הייסט אז באו פריצים וחיללוה, דאס איז "חשכו עינינו", דאס איז שוין א פינסטערניש פאר די אויגן.

### השי"ת שיקט א אור אין דעם חשכות צו פארזעצן די פלאץ פון די מנהיגי הדור

אבער אקעגן דעם חושך האט דער אייבערשטער כסדר אין אלע דורות אראפגעשיקט צדיקים קדושים "עיני העדה", ליכטיגע אויגן וואס האבן באלאכטן די גאנצע וועלט, טאקע ביי חנוכה אליין, די הייליגע חשמונאים, און אזוי ווייטער אין אלע דורות, אפילו נאכן חורבן זענען געווען די מאורי הגולה וואס האבן געראטעוועט דעם דור, מיר זעהן טאקע דא ביי די מצוה פון נרות חנוכה "אלא לראותם בלבד", וואס אין דעם איז דאך דא די סגולה צו באקומען לעכטיגע אויגן צו זעהן דעם אמת.

אבער מיר אינעם לעצטן דור, די דור פון עוקבתא דמשיחא וואס עס איז ליידער נתקיים געווארן דער פסוק ואבדה חכמת חכמיו ובינת נבוניו תסתתר, און מיר האבן שוין נישט די עיני העדה, האט די רבי שוין געזאגט אז יעדע איד האט אן אחריות אליין צו האבן כאטשיג אביסל א כח הראיה, ווי די חז"ל זאגן אין מס' מגילה לא מאסתים בימי כשדים שהעמדתי מהם דניאל וכו', אבער כי אני ה' אלקינו בימי גוג ומגוג, אז דער אייבערשטער אליין איז משפיע דעם אור צו יעדן איד וואס וויל נאר וויסן דעם אמת. דאס וואס איז אין די פריערדיגע דורות געווען דורך די עיני העדה, איז יעצט דער אייבערשטער אליין משפיע, דער אייבערשטער איז דער מנהיג הדור, דער אייבערשטער פארנעמט דאס פלאץ פון די עיני העדה.

# המשך דרשות הסברה ביי היסטארישע כינוס כללי פון נטרונא ב' מקץ תשס"ח

אזוי ווי דער רבי פלעגט זאגן בימים ההם אין מלך בישראל איש כל הישר "בעיניו" יעשה, עס איז טאקע מדויק דער "בעיניו", ווייל דער אייבערשטער אליין מאכט ליכטיג די אויגן מען זאל כאטשיג האבן א שטיקל כח הראיה און א לעכטיגקייט אין אמונה.

## אז נדברו יראי ד' איש אל רעהו – אז מען רעדט פון אמונה ווערט מען יראי ד'

עס שטייט אין ספרים הקדושים אז די עצה צוצוקומען צו ליכטיגקייט אין אמונה אין די צייט ווען די אמונה איז טאקע פארטונקעלט, איז דורכן דיבור, מען רעדט פון אמונה, דורכן "אז נדברו" קומט מען טאקע צו ווערן "יראי ה'", מען איז נאכנישט קיין יראי ה', אבער "אז נדברו" ווערט מען ווערן יראי ה'.

קען זיין וועגן דעם האט מען צוגעלייגט די מצוה פון "הלל והודאה" אין חנוכה, אז דורכן דיבור פון אמונה מען רעדט אויס די הלל והודאה, זאל מען צוקומען צו די מצוה פון נאר לראותם בלבד, אז מען זאל נאר זעהן די אמונה פאר זיך.

דאס קען זיין פשט אין פסוק טאקע, וענתה השירה הזאת לפניו לעד, אז ווען מען וויל אז די תורה זאל זיין אזוי ווי א "עד", מען זאל זעהן קלאר די תורה, עס זאל זיין אן עדות, מען זאל נאר זעהן דעם דרך התורה, "לא תמוש מפי זרעו", אז מען וועט רעדן דערפון וועט מען צוקומען דערצו.

קען זיין דאס איז פשט אין פסוק, עס שטייט (שמואל א' ט', ט') "כי לנביא היום יקרא לפנים הרואה", דאס הייסט אז ביי די פריערדיגע דורות איז געווען א כח הראיה, די כח הראיה איז שטארק געווען האט מען גערופן דעם נביא א "רואה", אבער שפעטערדיגע דורות וואס די ראיה איז שוין נישט געווען קיין "חזון נפרץ", האט מען געדארפט צוקומען דורך "נביא", דורך ניב שפתים, דורכן ארויסרעדן די אמונה מיטן מויל, האמנתי כי אדבר, מען רעדט פון אמונה.

## אז מען רעדט פון דעם איסור פון א מלוכה פאר די צייט ווייזט מען בענקשאפט צו די גאולה העתידה

עס שטייט אין פסוק וצדיק באמונתו יחיה, אז מען דארף לעבן מיט די אמונה, מען דארף רעדן פון די אמונה, און בפרט אז מען רעדט פון דעם ענין, פון גלות וגאולה, אין די ענין פון שלש שבועות איז היינט געווארן אזא חשכות אויף דער וועלט, אבער אפילו די וואס זאגן מיטן מויל אז זיי האלטן אויך אז די ציונים זענען נישט קיין ריכטיגע זאך, זאגן **"אבער וואס איז פשט פון אזויפיל רעדן דערפון און לעבן אין דעם, זאג אז די מדינה איז אסור און געגאנגען ווייטער", אדער כהנה אזעלכע דיבורים "אין אידישקייט דארף מען מער לעבעדיגע זאכן, געשמאקע זאכן, נישט עפעס מיט א מדינה, לאז שוין אפ, מוזט עפעס קריטיקירן כסדר?", דער עולם האלט ביי דעם, וואס דארף מען רעדן פון אזעלכע סארט זאכן?**

**דארף מען אבער וויסן, אז אויב מען איז זיך אביסל מתבונן איז די ענין פון שלש שבועות אליין די והותר אויפצולעבן א איד, די חיזוק קען אויפפלאקערן די נשמה צום אייבערשטן, ווי מען וועט באלד רעדן.**

עס שטייט אין פסיקתא (דער חפץ חיים ברענגט עס אראפ אין ספר צפית לישועה) אז דער אייבערשטער זאגט פאר די צדיקים לא יפה עשיתם – איר האט נישט ריכטיג געטאן – שחיבבתם את תורתי ולא חיבבתם למלכותי, איר האט מחבב געווען מיין תורה אבער איר האט נישט ארויסגעברענגט קיין חיבה צו מיין מלכות. זעהט מען אז דאס איז אן עבודה הפרטית פון א איד צו מחבב זיין און צו מצפה זיין צו התגלות כבוד שמים.

און דאס איז וואס מען פרעגט טאקע יעדן באזונדער ביי זיין פריוואטן יום הדין "צפית לישועה", דאס הייסט אז א איד איז מחויב צו גלוסטן צו די אמת'ע ישועה, און דעם ליגט אויך אז מען זאל ח"ו נישט מסכים זיין צו קיין שום אנדערע ישועה במקום דאס.

**דאס דארף קאכן אין א איד, אויף דעם האט דער אייבערשטער משביע געווען די שלש שבועות, ווייל דער פשט איז אזוי, די שלש שבועות האט מען דאך געזאגט אין די צייט וואס אידן זענען געגאנגען אין גלות, און אידן זענען געווען בשפל המצב, מפני חטאינו גלינו מארצינו, ווען מיר זענען געווען אין א נידריגן מצב, אף על פי כן האט דער אייבערשטער משביע געווען אז איר בלייבט צוגעבינדן צום אמת'ן משיח, איר בלייבט צוגעבינדן צו מיין מלוכה, איר זענט מצפה צו מיין מלוכה, איך וויל נישט איר זאלט וועלן עפעס אנדערש, איר דארפט אפהיטן** די מלוכה פאר מיר און ווארטן און ווארטן ביז עס וועט נתגלה ווערן.

## מען דארף יא רעדן פאליטיק פונעם מלכות שמים

עס איז דא וואס זאגן אז עס איז אן ענין פון "פאליטיק" צו רעדן פון אזעלכע זאכן, מען הערט אויך אזעלכע סארט טענות, איך האב אמאל געזאגט פאר איינעם: וואס איז די טייטש פון די ווארט פאליטיק? עס איז דא א משנה אין תמיד "מאכל פוליטיקין", א מאכל פון פוליטיק, דאס מיינט א מאכל פון שרים, דאס הייסט אזוי: ווען מען רעדט פון עניני מלוכה הייסט דאס "פאליטיק", נו, דארף מען זעהן רעדן אמת'ע פאליטיק! מיר האבן א גאנצע פאליטיק, צו אטעמען מלוכה, מחבב צו זיין די מלכות שמים און רעדן דערוועגן, רעדן און לעבן אין מלכות בית דוד, און פיינט האבן בתכלית השנאה די וואס שטערן די הייליגע מלוכה.

עס שטייט א מעשה, עס איז געווען אמאל א איד פון די קאנטאניסטן וואס האט זיך אוועקגעזעצט צו א שיעור, ער איז דאך נישט אויפגעוואקסן אין די חדרים, מען האט דאך אים אוועקגעכאפט אלס קינד, און ער פלעגט זיצן ביי די שיעורים און איינ'חזר'ן די נעמען פון די תנאים און אמוראים, האט מען אים געפרעגט וואס עפעס חזר'סטו דיך איין ביים שיעור "רבא, רבה, אביי"? האט ער מסביר געווען אז אין רוסלאנד אז מען איז געווען אן אמת'ער פאטריאט האט מען געדארפט וויסן אלע נעמען פון שרי המלוכה, פון די מלך און די מלכה, און יעצט אז ער איז געווארן אן ערליכער איד, כאטש ער קען נישט לערנען, וויל ער כאטשיג די נעמען פון די שרי התורה, ער וויל וויסן ווער זענען די שרי התורה, דאס איז דאך די ערשטע זאך פון זיין א פאטריאט. מאן מלכי רבנן – קענען די נעמען פון די מלכים.

די זעלבע איז מיט אונז, מיר זענען אין די בחינה פון קאנטאניסטן, מיר האבן טאקע גארנישט, מיר ווייסן אז עס איז שווער צוצוקומען צו עפעס א מדריגה אין עבודת ה', אבער איין זאך דארף מען זיך איינ'חזר'ן: ווער איז דער אמת'ער מלך? ווער זענען אונזערע שרים?

## די שבועות וואס השי"ת האט אונז באשווארן דאס איז דער נאמנות פון השי"ת צו אידן

**דער תכלית פון דעם אסיפה איז אז מיר רופן דאך אויס "אין לנו מלך אלא מבית דוד"! ווי דער רמב"ם זאגט דער לשון אין ספר המצות: "אין מלך למי שיאמין תורת משה רבינו אלא מזרע דוד ומזרע שלמה לבד". מיר היטן אפ אויף דעם "על כסאו לא ישב זר", מיר ווארטן און מיר היטן אפ דעם בענקל אז קיין אנדערער זאל זיך נישט אוועקזעצן אויף אונזער מלוכה בענקל, מען זאל נישט האבן קיין פרעמדע מלוכה במקומו, מיר האלטן די כסא ליידיג פאר משיח'ן, און מיר ווארטן נאר אויף אים, כי שם ישבו כסאות לבית דוד – שאלו שלום ירושלים.**

# המשך דרשות הסברה
## ביי היסטארישע כינוס כללי
## פון נטרונא ב' מקץ תשס"ח

ביי חנוכה שטייט דער ענין "ערכתי נר למשיחי – שם אצמיח קרן לדוד", דורך די נרות חנוכה ווייזט מען אויף די אמת'ע צפייה צום בית המקדש, איז טאקע "ערכתי נר למשיחי", מען רעכט אפ א נר פאר משיח'ן.

קומט אויס אז דאס איז אן עבודה הפשוטה צו האבן אן אינטערעס אין דעם, און דאס איז דער שבועה וואס דער אייבערשטער האט אונז פשוט'ע מענטשן בשפל המצב משתתף געווען צו זיין מלוכה און אונז באשוואוירן אז מען זאל זיך נישט אוועקרייסן פון דעם צו די מינדעסטע סארט מלוכה אדער גאולה פאר די צייט. מען איז געבינדן צו מלכות שמים.

און טאקע די חלק פון כלל ישראל, די חלק פון באשעפער וואס דער אייבערשטער האט אונז געטרויעט אז ער וויל מיר זאלן זיין צווישן די מענטשן פון זיין מלוכה, וויאזוי זאלן מיר אויסזען. טאקע די חלק פון כלל ישראל וואס ווייזן ארויס די גרעסטע געטריישאפט אונטער די גרעסטע צרה פון די ציונים, און טראצדעם ווארט מען אפ די אמת'ע ישועה אז דער אייבערשטער זאל אונז אויסלייזן, און דורכדעם ווערט טאקע נתקיים די "אני לדודי ודודי לי" מיט אן אמת, דער אייבערשטער געטרויעט אידן און אידן געטרויען דעם אייבערשטן, אידן ווערן שטארק פארבינדן מיטן אייבערשטן דורך די שבועה.

> **...איך האב געזאגט אמאל פאר איינער וואס גייט צום כותל ווייל ער וויל האבן שייכות צום מקום המקדש: "דארטן איז חיצוניות, אויב מען וויל האבן שייכות מיטן כותל זאל מען לערנען על הגאולה ועל התמורה, דארט ליגט די גאנצע זאך! דארטן ליגט די כותל!"...**

איבערדעם שטייט, דער רבי ברענגט עס אין די הקדמה צום ויואל משה, ברענגט ער די משל טאקע פונעם מאן וואס איז אוועקגעגאנגען און די פרוי האט געווארט אויף אים און געווארט, ווען ער איז צוריקגעקומען האט ער געזאגט "איך וווּנדער זיך וויאזוי דו האסט געקענט ווארטן", האט זי געזאגט "איך האב געהאט א כתובה האב איך זיך מתנחם געווען מיט דעם", אזוי איז דער כלל ישראל, זאת אשים אל לבי, אין זאת אלא תורה שנאמר וזאת התורה וגו', אן די תורה וואלט איך אינגאנצן פארלוירן געווארן איך וואלט זיך נישט געקענט האלטן.

די מדרש ברענגט אויך צו דעם פסוק דארטן "לולא תורתך שעשועי אז אבדתי בעניי", איז דער רבי מסביר דארטן – דער רבי פירט אויס אז מען זעהט אז מען קען זיך נאר האלטן ווען מען איז געבינדן מיט די תורה, זעהט מען אז עס רעדט זיך טאקע פון "דער" תורה, פון שלש שבועות, און די שלש שבועות דארף מען נישט סתם אפלערנען אזוי ווי עפעס א סיפור וואס מ'דארף עפעס יוצא זיין, נאר "תורתך שעשועי", עס ליגט אין דעם גרויסע שעשועים, ווייל מען קומט צו "אני לדודי ודודי לי".

ס'איז "לא דבר ריק הוא מכם", ס'איז נישט עפעס א פוסטע זאך, און דער פסוק איז געזאגט געווארן טאקע אויף שירת האזינו, אין שירת האזינו איז דאך נישטא קיין מצות, עס איז נאר "זכור ימות עולם בינו שנות דור ודור", די ענין פון גלות וגאולה, און אויף דעם שטייט "כי לא דבר ריק הוא" זאלסט זיך נישט איינרעדן אז דאס איז עפעס א דבר ריק, פארקערט, כי הוא חייכם, מען דארף מיט דעם לעבן.

## די ציונים זוכן אויסצורייסן דעם קשר פון אידן מיט השי"ת טאקע אין די זמנים פון קבלת התורה

דאס ווען מיר אויך זעהן פון דעם וואס די שבועות זענען געזאגט געווארן אין די 2 הייליגסטע טעג וואס זענען געווען ביי כלל ישראל, ווען אידן זענען געווען מקושר מיטן אייבערשטן אויפן גרעסטן אופן: ביום חתונתו וביום שמחת לבו, ווי חז"ל זאגן אין תענית "יום חתונתו זו מתן תורה, וביום שמחת לבו זה בנין בית המקדש", אין די 2 טעג זענען טאקע געווען די שבועות, די שבועות זענען געזאגט געווארן אין די 2 טעג, ביי מתן תורה – ווי די בעלי התוספות טייטשן דעם פסוק "השמרו לכם עלות בהר ונגוע בקצהו, כל הנוגע בהר יומת, במשוך היובל המה יעלו בהר" אויף די שבועת הגלות, השמרו לכם עלות בהר דאס מיינט מען די הר הבית, עולה צו זיין בחומה פאר די צייט, און אפילו נגוע בקצהו, במשוך היובל – ווען מען וועט הערן דעם שופר של משיח, דעמאלטס וועט זיין יעלו בהר, דעמאלטס קען מען גיין.

און טאקע מ'זעהט, אין די העכסטע צייט, ווען אידן גרייטן זיך צו צו קבלת התורה און מ'האלט הארט פארן ליינען די עשרת הדברות, זאגט מען דעם שיר "אקדמות" וואס דארטן ווערט דאך באריכות אויסגערעדט דעם ענין ווי די גוים רופן אונז "יקרא ויאה את אין תערבי למרותא", זיי זאגן נישט אז מיר זאלן טאן עבירות און זיך שמד'ן, נאר פשוט "אין תערבי למרותא" מיר ווערן א חלק פון די הערשאפטן פון די וועלט, אבער די אידן ענטפערן צוריק מיט אזא שטארקייט "שברנא ליה בשבין תקוף הימנותא", דאס זאגט מען טאקע ביי מתן תורה, ווען אידן האלטן נאכן ציילן ספירה, נאכן עבודה פון תיקון ליל שבועות, מען האלט שוין ביים העכסטן צייט, מען גייט צו צו מתן תורה, פארוואס מוז מען רעדן פון דעם שבועה? ווייל דאס איז דער גרעסטער מקשר צווישן אייבערשטן און די אידן.

און טאקע "ביום שמחת לבו" זה בנין בית המקדש, טאקע די שיר פון שיר השירים, וואס שטייט אין זוהר הקדוש – חז"ל זאגן לא היה העולם כדאי כיום שניתנה בו שיר השירים, שכל השירים קודש ושיר השירים קודש קדשים – עס שטייט אין זוהר הקדוש אז שיר השירים האט שלמה המלך געזאגט דעם טאג וואס ער האט געענדיגט בויען דעם בית המקדש, טאקע דער ביום שמחת לבו, וואס אויף דעם טאג שטייט דאך אז עס איז געווען סיהרא בשלימותה, די גרעסטע דביקות וואס אידן האבן געהאט מיטן אייבערשטן, יענעם טאג האט מען איבערגע'חזר'ט די שבועה פון מתן תורה.

איבערדעם טאקע זה לעומת זה – מען זאגט נאך פון בריסק'ער רב אז די ציונים האבן געוואוסט, זיי האבן געקוקט אין פינטל פון די שבועה וואס איז די גרעסטע פארבינדונג צווישן דער אייבערשטער מיט די אידן – זעהט מען טאקע א פלא, זיי האבן זיך געשלאגן טאקע די 2 חדשים ביים "כיבוש סיני" אין תשי"ז, ווי דער רבי זאגט אין ויואל משה, בגשמיות האבן זיי גארנישט כובש געווען, זיי האבן גארנישט אויפגעטאן, אבער דאס האבן זיי כובש געווען, זיי האבן כובש געווען אלעם מען האט מקובל מסיני, דאס איז געווען זייער עיקר תכלית, זיך שלאגן מיט דער קשר וואס אידן האבן געקריגן ביום חתונתו.

אזוי ווייטער "ביום שמחת לבו", די כיבוש פון מקום המקדש אין תשכ"ז, האבן זיי ווייטער כובש געווען דעם מקום המקדש וואס האט שייכות מיט דעם וואס אידן האבן געהאט ביום שמחת לבו. אקעגן דעם האט דער רבי טאקע געפירט די 2 פייערדיגע מלחמות אין די "וישלח" תורה און די "נשא" תורה.

זאגט דאך דער רמב"ם אין הל' תשובה אז עס איז געבויט אויף די מצוה פון אהבת ה', זעהט מען אז די גאנצע איז געבויט אויף די קשר צווישן אידן און דעם אייבערשטן דורך גלות און גאולה, און טאקע דארט שטייט די שבועה, און די מצוה פון אהבת ה' איז דאך א מצוה תמידית וואס יעדע איד איז מחויב אין יעדע צייט.

# משך דרשות הסברה
# ביי היסטארישע כינוס כללי
# פון נטרונא ב' מקץ תשס"ח

## די מקור פון דאסווארט "נטרונא" און זייער עבודת הקודש

די הייליגע חבריא, דער מוסד הקדוש האט זיך אנגערופן "נטרונא", איז דאך באקאנט דער מדרש וואס דער רבי ברענגט אין די הקדמה צו ויואל משה, די רבי ברענגט אזוי "מי פרע לכם ממדי מרדכי ואסתר, מי פרע לכם מיון בני החשמונאים, מי פורע לכם ממלכות רביעית נטרונא", ער טייטשט אויס דעם פסוק והיה לכם למשמרת – עד ארבעה עשר וגו' אל תאכלו ממנו נא, איז דער טייטש אז דער ווארט "נטרונא" איז דער טייטש פונעם ווארט "משמרת", דארף מען פשוט וויסן וואס איז די טייטש פון משמרת, אז מען זאל אפהיטן דעם קרבן פסח ביז י"ד ניסן ביז יום השחיטה, וויאזוי שטימט דער דרש מיטן פשט דא.

רש"י ברענגט אין חומש פון ר' מתיא בן חרש, פארוואס איז טאקע געווען מקחו בעשור, רש"י ברענגט עס איז געווען הגיע עת דודים, עס איז שוין געווען די צייט הגיע השבועה שנשבעתי לאבות, נאר "ואת ערום ועריה", האט מען געגעבן די מצוה פון קויפן דעם קרבן פסח מקחו בעשור, אז דאס זאל זיין למשמרת, מען זאל האבן אביסל א תשוקה צו עבודת המקדש.

ווייל באמת'ן טרעפט מען די גאנצע צייט פון מצרים, ווען יעקב אבינו איז אראפגעגאנגען קיין מצרים פון באר שבע, שטייט ויזבח זבחים לאלקי אביו יצחק, ער האט מקריב געווען א קרבן, און אזוי שטייט ביי אלע אבות הקדושים זיי האבן מקריב געווען קרבנות, אבער יענע קרבן איז געווען די לעצטע קרבן, די נעקסטע קרבן וואס מען טרעפט איז געווען די קרבן פסח בזמן הגאולה, ווייל בזמן הגלות איז נישטא קיין קרבנות, אבער דא איז אזוי, עס איז איבערגעבליבן 4 טעג צו די גלות, האט דער אייבערשטער געהייסן טאקע מען זאל קויפן און מען זאל אויסווארטן. ווען עס איז א מצב פון ערום ועריה מען האט נישט קיין זכות ארויסצוגיין, האט דער אייבערשטער געהייסן קויפן און אפווארטן און האבן א תשוקה צום מקדש, און מען זאל זיך נישט צוציען צו עפעס אנדערש.

דאס איז טאקע וואס ער טייטשט דא, אז מען דארף האבן א זכות צו נגאל ווערן איז "מי פרע לכם ממדי" האט מען געהאט מרדכי ואסתר, מען האט געהאט די זכות פון א צדיק וואס האט מזכה געווען דעם דור, אבער "מי פורע לכם ממלכות הרביעית" וואס מיר האבן נישט קיין זכותים? די זעלבע "נטרונא" די זעלבע "משמרת", מען זאל ווארטן און האפן צו די גאולה, און טאקע דורכדעם וועט מען באקומען א שייכות מיטן מקדש, דאס איז אונזער שייכות מיט די עשר קדושות של ארץ ישראל, אז מען האט א משמרת צו דעם.

## שייכות מיטן כותל קען מען נאר האבן מיטן לערנען על הגאולה ועל התמורה

איך האב געזאגט אמאל פאר איינער וואס גייט צום כותל ווייל ער וויל האבן שייכות צום מקום המקדש: "דארטן איז חיצוניות, אויב מען וויל האבן שייכות מיטן כותל זאל מען לערנען על הגאולה ועל התמורה, דארט ליגט די גאנצע זאך! דארטן ליגט די כותל!".

די זעלבע וואס די רבי זאגט שנשתכח דרך הבעש"ט, "אז איינער וויל האבן דעם דרך הבעל שם, זאל ער דורכלערנען דעם שטיקל, מען זעט ווי דער רבי זאגט שנשתכח דרך הבעש"ט ביזוועט משיח וועט קומען, דארט ליגט דער דרך הבעש"ט, אז עס איז דא שיריים פון דרך הבעל שם טוב ליגט עס אין די ווערטער".

## שכרם הרבה מאוד

אונזער הייליגע חבריא טאקע "נטרונא", משמרת המקדש ומשמרת בני ישראל, זיי היטן אפ און קלערן אויף און פארשפרייטן דעם דרך האמת, אז אידן זאלן זיין פון די משמרת המקדש, אין פסוק שטייט "והכהנים הלוים בני צדוק אשר שמרו את משמרת מקדשי בתעות בני ישראל מעלי המה יקרבו אלי לשרתני", זיי וועלן זוכה זיין לעתיד צו א באזונדערע התקרבות, עס זענען געווען טאקע צייטן – רש"י זאגט דארט "פקוד את בני לוי מבן חודש ומעלה", משיצא מכלל נפלים הוא נמנה ליקרא שומר משמרת הקודש, מען דארף ארויסגיין מכלל נפל, מען זאל נישט זיין געפאלן ביי זיך, מבן "חודש" – מען זאל זיך מתחדש זיין מיט דעם ענין פון שלש שבועות, און די אמת'ע פסוקים פון בנין בית המקדש. חנוכה איז א זמן פון חנוכת הבית, מען זאל זיך באנייען אין דעם ענין.

און באמת, די אידן זענען דאך אמת'ע שומרי שכר, דער אייבערשטער זאגט דאך צו א מורא'דיגע שכר, שומר שכר זאגט דאך די גמרא ער דארף אפצוהיטן עד כדי "הייתי ביום אכלני חורב וקרח בלילה ותדד שנתי מעיני", פשוט "הייתי ביום אכלני חורב" – די היץ פון די מחלוקת, די היץ פון די גאס וואס הייצט זיך אן ווען מען טוט אין די ענינים, "וקרח בלילה" – די קאלטקייט וואס מען ווייזט ארויס צו די ענינים, ביינאכט, אין די חושך, "ותדד שנתי מעיני" – מען שלאפט נישט קיין נעכט דא, מען דארף אבער וויסן אז די ארבעט איז א ארבעט וואס מען גרייט צו כנסת ישראל צום גרויסן חתונה פון "ישיש עליך אלקיך כמשוש חתן על כלה", דורך דעם וואס אידן האלטן זיך מיט אים, וועט זיך דער אייבערשטער צו מקשר זיין מיט אידן לעתיד.

דער אייבערשטער זאל טאקע העלפן פאר די אלע וואס העלפן ארויס בגוף ובממון, ווי די הייליגע ווערטער פון זוהר הקדוש וואס מען זאגט תיקון ליל שבועות, זאגט מען דארט אזא לשון "די חברייא דא זענען מתקן די קישוטי כלה און די תכשיטי כלה, מען זאל קענען אריינגיין צום חופה", וואספארא גרעסערע קישוט איז דא צום כנסת ישראל ווי דאס אז זיי היטן אפ די שבועה, און זיי זענען דאך עוסק אין דעם, זאלן זיי טאקע זוכה זיין צו דאס וואס עס שטייט דארט אין זוהר הקדוש אז זיי וועלן גיין צוזאמען אונטער די חופה מיט כנסת ישראל לראות בשמחת גויך להתהלל עם נחלתך, צו זעהן די שמחת ישראל, און זוכה זיין צו אלע ברכות – ווי עס שטייט אז מען וועט זוכה זיין צו זיבעציג ברכות – ברוחניות ובגשמיות ובהרחבת הדעת, בביאת גוא"צ בב"א.

קטעים מדברי

# הרב ירמי' קאהן שליט"א

## מגדולי עסקני נטרונא - אב"י פלעטבוש ניו יארק

מען האט מיך נישט גערופן צו רעדן בדברי תורה, איך בין נישט קיין גרויסע רעדנער, איך וויל נאר זאגן וועגן די פעולות פון נטרונא איבערן לעצטן יאר.

## די גליונות פון "פרשה פערל'ס" און די אויסגאבע

מיר האבן ב"ה זוכה געווען ארויסצוגעבן 2 ספרים. דער ערשטער ספר

# המשך דרשות הסברה
## ביי היסטארישע כינוס כללי
## פון נטרונא ב' מקץ תשס"ח

איז "בעקבי הצאן" (in the footsteps of the flock), דאס זענען דברי תורה פון די פרשה וועלכע מיר האבן געדרוקט דורכן יאר תשס"ו. דער ספר איז פארקויפט געווארן אין פיטסבורג, ניו יארק, ניו דזשערזי, מען האט עס שוין פארקויפט אויך אין ענגלאנד, און ארץ ישראל, דער ספר ווערט אויך פארקויפט דורך די וועבסייט.

ביי אנדערע וואס האבן נאכנישט אנגענומען דעם ספר, האבן מיר געשיקט א מעלינג צו זיי מפרסם זיין דער ספר, און מיר האפן אז זיי וועלן עס נעמען בקרוב.

### דער ספר "אפס בלתך גואלינו"

דער צווייטער ספר איז דער באקאנטער "אפס בלתך גואלנו", די אוצרות פון פסוקים ודברי חז"ל, ספרים ראשונים ואחרונים איבער די ענין פון גלות וגאולה, דאס איז געווען די ארבעט פון א 4-5 יאר, ב"ה דאס איז שוין ארויס, מען האט געדרוקט איבער 1,000 קאפיס און זענען מפורסם אומעטום. מען ארבעט יעצט אויף די ענגלישע "אפס בלתך" די זעלבע ספר מיט אלע מקורות, מיר האלטן אינמיטן דעם ארבעט.

דעם זומער פון יאר תשס"ז, האבן מיר אונטערגענומען צו פארבעסערן דעם וועבסייט, די וועבסייט איז ווי באקאנט מען קומט אן דערמיט איבער די וועלט. דער ערשטער גרויסער טויש וואס מיר האבן געמאכט איז אז מען האט צוטיילט אין א סדר, ביז יעצט האבן זיי נישט געהאט קיין סדר, עס איז אלעס געווען צוזאמען אין איין גרויסע סעקשן, דער וואס וויל טשעקן א שאלה וואס ער האט, א קשיא וואס ער האט, האט געדארפט זוכן די גאנצע סעקשן ביז ער האט געפונען זיין קשיא. האבן מיר מסדר געווען די קשיא'ס אין געוויסע קאטעגאריעס, קשיא'ס פאר אידן וואס זענען מסכים צו דעם וואס טוט זיך, שאלות פון אידן וואס זענען אקעגן אונז, קשיות פון גמרא, ראשונים, רבנים, קשיות פון קריסטליכע גוים, קשיות פון מוסולמענער גוים, אלעס איינגעטיילט אין קאטעגאריעס, דאס האט ערמעגליכט פאר מענטשן צו געפונען וואס זיי זוכן.

### עס ווערט אהערגעשטעלט רעגלמעסיגע נייעס אויפן סייט ווי עס ווערט איבערגעגעבן די מעשים תעתועים פון די רשעי ישראל, ווי אויך פארשידענע נייע אויפקלערונגען

יעצט וויל איך אריבערגיין צו די צווייטע זאך וואס מיר האבן געטאן אויף די וועבסייט דעם זומער, **דאס איז די טאג טעגליכע נייעס**, די וועלט זעהט אסאך נייעס ווי די ציונים זענען מתגרה באומות, טאר מען נישט שטיין גלייכגילטיק.

עס האט נאך א תועלת אז די וועבסייט איז געטוישט געווארן, דהיינו: עס פלעגט זיין די זעלבע זאך פון צייט צו צייט, יעדן טאג מען קוקט אריין מען זעהט בערך די זעלבע וועבסייט, האבן מיר געטראכט אז ווען א מענטש וויל נוצן אמאל א סייט, ער וויל זיך נעמען צו דעם, אבער אויב עס בלייבט די זעלבע, קומט ער נישט צוריק, נייעס ברענגט א מענטש צוריק, אז מ'זעהט נייע זאכן יעדן טאג וויל ער צוריקקומען באזוכן נאכאמאל און נאכאמאל.

האבן מיר אנגעפאנגן ברענגן נייעס באריכטונג, וועגן וואס די ציונים טוען, און וואס איז אונזער רעספאנס צו דעם, יעדער ארטיקל איז געבראכט פון א מקור, פון אונטן שטייט וואס מיר זאגן די דעת תורתינו הק' לאור המצב [דאס האט שטארק געהויבען די פאפאלאריטעט פון די סייט, און ביי יעדע פון די מאורעות הזמן קען מען הערן, ווי דער דעת תורה ווערט נאכגעזאגט פון אונזער סייט, און דוסטקירט אין אומצאליגע ביהמ"ד, און במלוא מובן המולה קען מיר זאגען אז מיט די נייעס און אונזער ריספאנסעס, איז נטרונא געווארן א ערענסטער טאן געבבער פאר יהדות החרידית].

### די אגודה איז מסלף דער דעת פון די פריערדיגע גדולי ישראל

דאס זעהן מיר אויך אין די לעצטע טומעל מיט די אגודה, מען רעדט פון דעם מצב, מען שרייט אקעגן ציונות, אבער אז מ'ווייסט נישט וואס ציונות איז, דער סוף וועט זיין אז דו וועסט אליין זיין א ציוני, און די וואס ווילן יא צוריקגעבן ארץ ישראל צו די אראבער (ווועסטו זאגן) די זענען די ציונים.

נאך א דוגמא לדבר, א דבר פליאה, איך האב געהערט, איינער פון די אגודת הרבנים לעצטנס – איך וויל נישט זאגן זיין נאמען – אבער ער האט געזאגט ווען זיי האבן אים געפרעגט וועגן ארץ ישראל און ירושלים, אויב מען קען עס צוריקגעבן, האט ער געבראכט א מעשה פון בריסקער רב, א ראיה פון א מעשה פון בריסקער רב, וואס איז די מעשה? בשעת די כנסיה גדולה פון די אגודה אין שנת תרצ"ז ווען די אגודה האט דעמאלטס באהאנדעלט די שאלה פון ארץ ישראל, האט דער בריסקער רב געזאגט – ער איז געווען זייער פייער אויף דעם - אז די אגודה האלט מיט דעם, די אגודה האט דעמאלטס געזאגט אז עס קען זיין א מדינה אבער נאר מיט די גבולים פון ארץ ישראל וואס מיר געפונען אין די תורה, נאר א מדינה על פי תורה, האט מען געפרעגט דעם בריסקער רב "וואס ער זאגט" האט ער געזאגט "קשר של רשעים אינו מן המנין", אויב די אגודה וואלט געזאגט אז עס זאל נישט זיין קיין מדינה, וועט נישט זיין, אבער יעצט זאגן זיי אז עס וועט יא זיין, וועט לײדער יא זיין.

**איז איינער פון די רבנים פון די אגודה היינט, האט דאס גענוצט פאר א ראיה!..., זאגט ער אז מען זאל נישט צוריקגעבן ירושלים, איי די ציוניסטישע רעגירונג וויל יא געבן? קשר של רשעים אינו מן המנין! סילוף דברים, ער ברענגט די ווערטער פון בריסקער רב ממש אויף פארקערט!...**

**די היינטיגע אגודה איז מער ציוניסטיש ווי די ציונים אליין, און ער נוצט נאך דעם בריסקער רב מהליך צו זיין דעם שיטה!...**

---

קטעים מדברי

## הרה"ג ר' יעקב אהרן שפירא שליט"א

רב דביהמ"ד בעיסוואטער קווינס יצ"ו

### דעם רבינ'ס מקצוע פון די "שלש שבועות"

אויב דאס דארף מען טאהן, מוחה צו זיין אויף די רבש"ע'ס כבוד, איז די ערשטע זאך, מען דארף וויסן "וואס איז" דער רבש"ע'ס כבוד.

איך זאג עדות, אז דער עולם – כמעט דער גאנצע וועלט אחוץ פון א פאר קליינער ווינקלאך - פארשטייען נישט בכלל וואס זענען די ענינים. די שלש שבועות איז נישט די זעלבע זאך ווי א סוגיא ווי שנים אוחזין בטלית, געווענליכע סוגיות זענען פול מיט מפרשים, מיט רש"י

# משך דרשות הסברה
## ביי היסטארישע כינוס כללי
## פון נטרונא ב' מקץ תשס"ח

מיט תוס', אויפען ארט, אויף א פאר בלאט א גאנצע סוגיא, מען זעהט שלחן ערוך מיט רמב"ם מיט ראשונים מיט אחרונים, אבער די שלש שבועות – ביז דער סאטמאר רבי זי"ע האט געמאכט א ויואל משה, ווער האט געוואוסט אז עס איז דא א גאנצע סוגיא פון שלש שבועות? יעדער האט געוואוסט אז סוף מס' כתובות איז דא אגדתא און פארטיג, מען האט נישט געוואוסט אז עס איז דא א גאנצע סוגיא, אזוי ווי למשל דער חפץ חיים האט אויפגעטאן די זעלבע זאך מיט הלכות לשון הרע, יעדער האט געהערט אז עס איז דא אזא זאך ווי לשון הרע, לשון הרע איז אסור, אבער דער חפץ חיים האט גענומען פון גאנץ ש"ס ופוסקים און ער האט געמאכט דערפון א גאנצע סוגיא מיט פסקים מיט הלכות.

**דער רבי זי"ע האט געטאן די זעלבע זאך מיט די סוגיא פון שלש שבועות, ער האט גענומען פון הלכה, פון אגדה, פון נגלה פון נסתר, פון ש"ס און פוסקים, פון דא און פון דארט, און ער האט עס געמאכט פאר א גאנצע סוגיא, דער עולם פארשטייט נישט אז עס איז דא בכלל אזא סוגיא, דער עולם האט נישט געהערט פון די שלש שבועות, ביי זיי הייסט שלש שבועות די צייט צווישן שבעה עשר בתמוז און תשעה באב... דאס איז די שלש שבועות.**

מיר ווייסן נישט וואס גייט דא פאר. די ציונים ומתחברים עם הציונים רעדן אסאך, זיי קומען ארויס נישט סתם נאר מיט ביכלעך מיט צייטונגען און ארטיקלן, ממש אזעלכע שטותים ושקרים לא יאומן כי יסופר, אבער קיינער רעדט נישט אנקעגן זיי, עס מוז זיין זה לעומת זה. מיר מוזן זיי ענטפערן.

## די כח פונעם ספר "אפס בלתך גואלינו"

עס איז נישטא אזא זאך אויף די גאנצע וועלט! "ויואל משה" אין כערכו, אבער מען דארף זיין אביסל למדן, א מענטש דארף קענען לערנען אביסל צו פארשטיין וואס עס שטייט דארט, א קשיא א תירוץ, א גאנצע סוגיא. **אבער די ליקוט-ספרים פון נטרונא ברייינגען אראפ די גאנצע סוגיא פארן ברייטען ציבור. זיי האבן געבראכט דארט א פלאי פלאים-דיגער אינהאלט פון תורה. איך האב נישט געוואוסט אז די שלש שבועות ווערט געבראכט אין ערוך השלחן להלכה, איך האב עס געזען דארט אין ספר "אפס בלתך גואלנו", עס איז ממש א געוואלדיגע זאך.**

עס איז נישט נאר אז מיר לערנען מענטשן וואס דער אמת איז און מען ווייזט אויף פאר מענטשן אז ציונות איז עבודה זרה, עס איז דא נאך א זאך, די שאלה איז – און דאס איז א שאלה וואס אומשולדיגע מענטשן פרעגן אסאך – זיי זאגן הער זיך איין, אודאי עס האט נישט געדארפט זיין קיין מדינה, אבער היינט אז די מדינה איז א מציאות, וואס זאל מען טאן?

מיר ווייסן דאך, דער רבי זי"ע שרייבט אויף 2 פלעצער אז עס איז נישטא וואס צו טאן היינט נאר צו מתפלל זיין, דער בריסקער רב האט דא מוסיף געווען א נקודה צו דעם, איין קליינע נקודה האט דער בריסקער רב מוסיף געווען, בשעת עס איז נתייסד געווארן די מדינה איז דער בריסקער רב געווארן קראנק אויפן ארט, ער איז געווען א חולה היורד למטתו, דער חזון איש האט געהערט אז דער בריסקער רב איז געווארן

**...אבער די ליקוט-ספרים פון נטרונא ברייינגען אראפ די גאנצע סוגיא פארן ברייטען ציבור. זיי האבן געבראכט דארט א פלאי פלאים-דיגער אינהאלט פון תורה. איך האב נישט געוואוסט אז די שלש שבועות ווערט געבראכט אין ערוך השלחן להלכה, איך האב עס געזען דארט אין ספר "אפס בלתך גואלנו", עס איז ממש א געוואלדיגע זאך...**

קראנק און ער האט געשיקט א שליח צום בריסקער רב און ער האט אים געזאגט: בריסקער רב, זארג נישט, גזירה עבידא דבטלה! דער רבוש"ע וועט מבטל זיין די גאנצע מדינה, עס איז א גזירה רעה און גזירה עבידא דבטלה.

דער בריסקער רב האט געשיקט צוריק צום חזון איש: חזון איש, איך מיין נישט אזוי, ווען זאגט מען גזירה עבידא דבטלה, נאר ווען דער עולם פארשטייט אז דאס איז א גזירה רעה, אבער אויב דער עולם פארשטייט נישט אז דאס איז א גזירה רעה, דאן זאגט מען נישט גזירה עבידא דבטלה, און איך האב מורא – האט דער בריסקער רב געזאגט – אז אפילו אונזער עולם פארשטייט נישט אז דאס איז א גזירה רעה, ממילא האב איך מורא אז די מדינה וועט רח"ל בלייבן ביז ביאת הגואל.

דאס הייסט, אז וואס מער מיר זענען מפרסם אז דאס איז א גזירה רעה, די גרעסטע גזירה רעה זינט די צייטן פונעם עגל, דאס העלפט און ברענגט אפילו אויב נאר איין טריט נענטער צו מבטל זיין די גאנצע גזירה רעה. און ממילא וולען אונזערע תפילות אויפטוען.

## א קלארע עדות איבערהאלב די תוצאות פון די פעולות אינערהאלב נטרונא אין די ברייטע וועלט

**איך רעד דא פון נטרונא, און די אופן וויאזוי זיי זענען מוחה, און איך זאג עדות אז זיי טוען אויף ממש אסאך.** דער עולם איז אינגאנצן אומוויסענד, זיי פארשטייען נישט וואס דאס איז.

איך וועל אייך דערציילן א מעשה, עס איז דא א מיידל, לעצטע וואך, א מיידל וואס איז געהאדעוועט אין פלארידע אין א ציוניסטישע משפחה, און לעצטנס האט זיך געהאט עפעס א שייכות מיט די וועבסייט "די תורה טרייע אידן", און זי האט געזען אז עס איז דא אזא זאך אז אידישקייט איז אקעגן די ציוניזם. זי האט אפגעלאזט איר ציוניסטישע סקול, און איז געגאנגען אין א בית יעקב, יעצט לערנט זי אין א בית יעקב אין קליוולאנד, **און לעצטע וואך האט זי מוחה געווען אז זי וויל נישט לערנען עברית. דאס איז נאר פון די וועבסייט "תורה טרייע אידן".**

ר' אלחנן וואסערמאן האט געזאגט אז די ציונים זאגן אז די מדינה וועט פארשנעלערן די גאולה, האט ר' אלחנן געזאגט: אפשר טאקע, ווייל באמת אידן האבן געדארפט בלייבן אין מצרים 400 יאר, זיי זענען אבער נאר געווען 210 יאר, פארוואס? ווייל די קושי השיעבוד, די שווערקייט פונעם שיעבוד האט געמאכט אנשטאט 400 יאר נאר 210 יאר, האט ר' אלחנן געזאגט, אז די שווערקייט

**...ווען זאגט מען גזירה עבידא דבטלה, נאר ווען דער עולם פארשטייט אז דאס איז א גזירה רעה, אבער אויב דער עולם פארשטייט נישט אז דאס איז א גזירה רעה, דאן זאגט מען נישט גזירה עבידא דבטלה...**

## המשך דרשות הסברה
### ביי היסטארישע כינוס כללי פון נטרונא ב' מקץ תשס"ח

און די צרות וואס מען וועט האבן פון די מדינה וועט זיכער אזוי שווער זיין אז עס קען זיין אז דאס מאכט טאקע די גאולה זאל זיין שנעלער, ווייל וויפיל יאר מען וועט דארפן בלייבן אין גלות, די שווערקייט און צרות פון די מדינה וועלן דאס מאכן וויניגער.

אויב כלל ישראל וועט וויסן אז דאס איז א גזירה רעה, קען מען אינגאנצן פטור ווערן פון די גזירה רעה, די חברה "נטרונא" זענען מצליח – פארשטייט זיך מען דארף זיי מחזק זיין אפילו אויב זיי זענען נישט מצליח, אפילו מען דערהערט נישט, אזוי ווי ר' ישראל סאלאנטער האט געזאגט "אז עס טוט ווי שרייט מען, אפילו אויב קיינער הערט נישט צו" – אבער די חברה "נטרונא" זענען ממש מצליח, זיי האבן געמאכט פון חושך צו אור, זיי האבן געמאכט פון תינוקות שנשבו צו מענטשן וואס פארשטייען א זאך.

דער רבש"ע זאל זיי געבן הצלחה, זיי זאלן גולל זיין חושך מפני אור מער און מער, עדי נזכה לראות בישועת כל ישראל ובשמחתן בב"א.

קטעים מדברי

# הרה"ג ר' שמעון זאב מייזליש שליט"א

מו"ץ בקרית יואל

אקדמות מילין ושריות שותא, אולא שקילנא הרמן ורשותא, מכל הקהל הקודש הזה, רבנים דיינים ראשי ישיבות, מרביצי תורה ותלמידיהם, אחים לדעה.

מה טוב ומה נעים אז מען קומט זיך צוזאם א ציבור און מען דארף זאגן א שיעור, א דרשה, א שמועס בדברי תורה, אבער ווען עס קומט צו רעדן פון עיקרי הדת, פון די יסודות אין אמונה בה' און הבטחת ה', יראתי בפצותי שיח, יוצרי הביני מורשה להנחיל, בבבי תרי ותלת דאפתח בנקשותא.

## אוי לנו מיום התוכחה! – די דאפעלטע סטאנדארט

היות ס'איז שוין שפעט, אבער אז מען קומט צוזאם איבער אזא מורא'דיגע וויכטיגע נקודה אין יסודי הדת, אין די פארגאנגענע פאר וואכן איז פארגעקומען א חילול השם איום ונורא מקצה העולם ועד קצהו, וואס אויף דעם ענין איז דאך דער עיקר אויף וואס דער הייליגער מוסד נטרונא איז יעצט אוועקגעשטעלט געווארן מיט א מורא'דיגן קראפט און א מורא'דיגן שטארקייט, וויל זיך ארויסברענגן א געוואלדיגע נקודה פונעם הייליגן כתב סופר, און דער בריסקער רב זאגט עס מער בתוספת ביאור, אבער שני נביאים מתנבאים בסגנון אחד, יוסף הצדיק טרעפט זיך מיט די ברודער – קומענדיגע וואך – זאגט יוסף הצדיק "אני יוסף, העוד אבי חי" דער טאטע לעבט? ולא יכלו אחיו לענות אותו כי נבהלו מפניו, זיי האבן געהערט אני יוסף, זיי קענען נישט ווייטער רעדן, דער מדרש רבה – יעדער איינער ווייסט – אמר אבא כהן ברדלא אוי לנו מיום הדין אוי לנו מיום התוכחה, וואס איז דא געווען?

איך וועל נישט נאכזאגן אלע דקדוקים, אבער דער עיקר דיוק, יוסף ווייסט נישט וואס דער טאטע מאכט? ער האט פריער געפרעגט די ברידער, זיי זענען דא געווען אין שטוב א האלבע שעה צוריק און ער האט געפרעגט "העוד אבי חי", די 3 ווערטער, און זיי האבן געענטפערט דער טאטע לעבט און אלעס, פונקטליך מסדר געווען, ער שיקט זיי אוועק און לאזט זיי רופן צוריק, אינדערצווישן זענען זיי נישט געווען אינדערהיים, זיי האבן נישט קיין צייטונגען בימים ההם געהאט און גארנישט וויאזוי מען זאל דורכן טעלעפאן וויסן עפעס פריש נייעס "וואס איז ביים טאטען אינדערהיים" וואס יוסף הצדיק ווייסט נישט, וואס פרעגט ער עודך "העוד אבי חי"?

זאגט דער הייליגער כתב סופר, אבער בתוספות ביאור אין בית הלוי – דער בריסקער רב, מורא'דיג, די ברידער קומען אריין מיט א גראדקייט הייבן אן שרייען און טענה'ן "ווי קענסטו דאס טוהן מיט בנימין"? דער טאטע וועט עס נישט אויסהאלטן, אן אלטער טאטע, ער האט מיטגעמאכט אזויפיל, ונפשו קשורה בנפשו, ער וועט עס נישט אויסהאלטן. פרעגט יוסף: איין מינוט, "אני יוסף", דער טאטע האט עס אויסגעהאלטן? העוד אבי חי? דער טאטע האט דעמאלטס יא געקענט דורכלעבן, אז מען טאר נישט צונעמען א קינד ווייל דער טאטע וועט עס נישט אויסהאלטן, "אני יוסף", ווי האט עטץ דאס מיט מיר געטאן? נישט וועגן מיר – נאר וועגן דעם טאטען: העוד אבי חי?

עס איז דא זאגן מוסר פאר אידן, און עס איז דא איינער זאגט נישט קיין מוסר, ער וויזט אים נאר אויף, דאס איז "תוכחה" – ער וויזט אים אויף. אמר אבא כהן "אוי לנו מיום התוכחה", דער אייבערשטער וועט נישט ארויסנעמען קיין שלחן ערוך, ער וועט נישט ארויסנעמען גארנישט, ער וועט דעם מענטש אויפווייזן – ווי מען רופט עס היינט אין אמעריקע – דעם "דאבל סטענדערד"! ער טוט וואס ער וויל ווען ער וויל, און ער קען טוישן. "דור עקש" דאס איז איינמאל א פראבלעם, אבער "ופתלתל" מארגן דרייט ער דעם נעכטיגן עקש צוריק ווייל היינט טויג אים אזוי.

## היינט ביסטו א שלום ליבהאבער און מארגן ביסטו א קנאי?

אם ראית גנב ותרץ עמו ועם מנאפים חלקך, פארוואס? ווייל דו ביסט א שלום ליבהאבער, דו האסט אהבת ישראל, און דו האלטסט אז מען דארף פארקוקן עוולות, און דו ווייסט די משנה הוי מקבל את "כל" אדם בסבר פנים יפות, און דו ווייסט דעם פסוק אין תהלים "בקש שלום ורדפהו", אבער מארגן "תשב באחיך תדבר בבן אמך תתן דופי" פארוואס? ווייל היינט ביסטו נישט פון די שלום ליבהאבער, היינט הלוא משנאיך ה' אשנא, אוהבי ה' שנאו רע, "דמית היות אהיה כמוך"? זאגט דער אייבערשטער: איך וועל מיטטאנצן מיט דיר וויאזוי דו שטעלסט אויס די תורה? נעם דיר א גאנג איך וועל מיטגיין מיט דיר, אבער היינט ביסטו א שלום ליבהאבער און מארגן ביסטו א קנאי, וויאזוי גייט דאס?

תשכ"א ביים כינוס כללי אין סעינט-דזשארדזש האטעל האט דער רבי אזוי נעבעך מיט א צובראכן הארץ גערעדט, אז מ'אטאקירט אים, מעןווארפט פיילן אויף אים אז ער גייט ארויס צום גוי, וואס איז דאס חילול השם, מען שטעלט אידן אין א סכנה, און דער רבי האט געדארפט מאריך זיין מיט ראיות אז מען מעג יא, און אינדערהיים איז אזוי געווען. מען דארף מער נישט די אלע ראיות. אז זיי האבן היינט א ספק, א הוי אמינא אז די מדינה איז שוין גרייט אוועקגעבן שטחים, האבן זיי געמאכט פרעס-רעליסעס, מען איז ארויס צום פרעסע, מען האט געמאכט פראטעסטן אין די גאסן. מעג מען גיין אין גאס, צי טאר מען נישט גיין אין גאס? וואו איז דער חילול השם? ביסט ארויס קעגן אידן, ביסט ארויס קעגן די מדינה!

אבער ניין, היינט טויג אים אזוי, מעג מען גיין אין גאס, סאטמאר רב וויל גיין אין גאס – טאר ער נישט, ווייל ער וויל נישט גיין חלילה פאר אייגענע זאכן,

# המשך דרשות הסברה ביי היסטארישע כינוס כללי פון נטרונא ב' מקץ תשס"ח

נאר ווייל סאטמאר רב האט מקיים געווען דעם פסוק אין תהלים "היתה לי דמעתי לחם יומם ולילה באמור אלי כל היום איה אלקיך", עס איז א מלחמה קעגן אייבערשטן רח"ל, דער הייליגער רבי האט געזען אז מען וויל אויפשטיין על ה' ועל משיחו רח"ל, עס האט געברענט אין אים! און מען דארף ארויסגיין, און מען דארף שרייען, דארטן זענען זיי געווען שלום ליבהאבער, דארטן האבן זיי גע'טענה'ט אז מען טאר נישט, מען דארף זיין אין חדר, פארנומען זיין מגדל זיין קינדער מיט מדות טובות און נישט קוקן וואס טוט זיך דארט.

ווען חלילה איינער זאל רעדן אויף דיין טאטען, איינער זאל רעדן אויף דיין גוטע פריינט, וועסטו שרייען וועסטו פארפירן. דער הייליגער רבי זי"ע האט אסאך פיילן געכאפט, אסאך יסורים דורכן לעבן, מיטגעמאכט גאר אסאך, מען האט געשוויגן, אבער ווען עס איז געקומען על ה' ועל משיחו האט דער רבי געברענט און געוויינט ווייל עס איז א מלחמה אקעגן אייבערשטן! "איה אלקיך" האבן זיי געשריגן.

## רביה"ק: "איך וויל אן ארגאניזאציע וואס איז מיוחד פאר די מלחמה לה' בעמלק"

א' תרומה תשט"ו איז געווען ווען דער רבי האט צוזאמגערופן אן אסיפה, נישט אין סאטמאר, די אסיפה איז געווען אין וויען, און דארטן האט ער אוועקגעלייגט דעם שטיינדעלע צו מאכן א איחוד עולמי וועגן חיזוק הדת, שפעטער האט עס באקומען א נאמען "איחוד הקהילות החרדיות" און אונטערגעשריבן אויף די קול קורא'ס זענען געווען אלע רבנים ובתוכם הגאון הגדול ר' דוד יונגרייז דער ראב"ד פון עדה החרדית, דער ריסקעווער רב, דער וואידיסלאווער רב, שאפראנער רב, שטראסבורגער רב און נאך רבנים און גאונים, דער רבי האט דעמאלטס געזאגט קלארע ווערטער: "איך וויל אן ארגעניזאציע וואס איז מיוחד פאר די מלחמה לה' בעמלק, אז עס זאל מקויים ווערן דער חתם סופר פון קול מלחמה במחנה".

ב' ניסן תשט"ו שטייט אין "דער איד" אז ב"ה 37 שוהלן האבן זיך שוין איינגעשריבן אין דעם איחוד הקהילות. ב' חקת תשי"ז איז דא אן אסיפה ביים רבי'ן אין שטוב, עס איז געווען פארטרעטן – וואו עס איז דאקומענטירט אינעם ספר פונעם פריערדיגן ראש הקהל דער איש האשכולות ר' סענדר ז"ל, מען קען דארט נאכקוקן די נעמען גענוי, עס איז געווען פארטרעטן פון: סאטמאר, מונקאטש, סיגוט, וויען, סאלקא, מאקאווע, סטראפקאוו, קראסנא, פאפא, שאפראן, און דער רבי זאגט דארט: איך וויל נישט אז די ארגעניזאציע זאל נאר זיין פארטרעטן די קהילות – ווייל זעהט אויס דער רבי האט פארשטאנען עס וועט זיין פראבלעמען – אבער יחידים פון יעדע קהילה איז ברור אז עס איז דא דארטן מבקשי ה', ערליכע אידן, וואס זיי ברענען און זיי ווייסן שוין אז עס איז צער השכינה, און זיי זאלן זיך איינשרייבן אין דעם.

**...תשכ"ז ביי די פרשה פון נתוחי מתים, דעמאלטס האט די רבי שוין געזאגט ער וויל מען זאל צאלן מעמבערשיפ פאר די ארגעניזאציע און ער האט געזאגט: איך האף איך וועל האבן 1,000, יעדער געט 10 דאלער, 10,000 דאלער מען קען א געוואלד אויפטאן בימים ההם...**

תשכ"ז ביי די פרשה פון נתוחי מתים, דעמאלטס האט די רבי שוין געזאגט ער וויל מען זאל צאלן מעמבערשיפ פאר די ארגעניזאציע און ער האט געזאגט: איך האף איך וועל האבן 1,000, יעדער געט 10 דאלער, 10,000 דאלער מען קען א געוואלד אויפטאן בימים ההם.

## גדול המחטיאו יותר מן ההורגו

איך וויל אויסלאזן מיט א מעשה וואס האט היינט א וואך פאסירט: עס איז געווען 2 אראבערס וואס זיי האבן געוואלט כאפן א איד, און אים אומברענגען השם ישמרנו, רציחה רח"ל, מען האט זיי אויסגעפרעגט האט מען געהערט פון זיי אז זיי זענען נישט קיין רוצחים, בשיטה האבן זיי גארנישט קעגן אידן, נישט קיין אנטיסעמיטן, נאר וואס דען? זיי דארפן געלט, און מען האט זיי צוגעזאגט 2,000 דאלער השם ישמרנו אויף א קאפ, אז מען זאל איבערברענגען ה"י א נפטר צו די אראבער, מען זאל קענען מאכן דערמיט מטעמים, 2,000 דאלער.

מורי ורבותי, ווען איך האב געהערט די מעשה האב איך געטראכט, מי יודע, מיר זיצן דא יעצט, חסידים אנשי מעשה תלמידים פונעם הייליגן רבי'ן, יעדער איינער דא איז קלאר אין די שיטה, יעדער איינער דא ווייטאגט אים און ער וויל ווען ראטעווען ער וויל ווען טאן וואס ער קען, יעדער גלייבט גדול המחטיאו יותר מן ההורגו, מען רעדט נישט דא מען וויל גיין הרג'נען 2 אידן, מען רעדט נישט פון הונדערטער, מען רעדט פון אלפים ורבבות וואס מיר ווייסן זיי האבן אויסגע'הרג'ט אין אונגארן, רוסלאנד, ספרדים, תימן און אזוי ווייטער מדינות שלימות ה"י, און איינער וועט אהיימגיין און זאגן "איך האב נישט געראטעוועט דעם איד, וועגן איך האב נישט געגעבן דעם געלט פאר מעמבערשיפ", דאס איז גענוי ווי דער אראבער וואס האט נישט בשיטה געוואלט הרג'ענען דעם איד, נאר ווייל ער האט געוואלט אפאר דאלער.

אויב איז מען טאקע קלאר פאר די אויגן אז דא שטייט א מלחמה אקעגן רוצחים, און דער מלחמה – זאגט דער רבי זי"ע – ראטעוועט מען אידישקייט, ראטעוועט מען נפשות, בגשמיות וברוחניות, און אז מען גייט נישט ארויסגעבן דעם דאלער, דארף מען וויסן זיין דאס איז גענוי ווי דער אראבער וואס פאר א דאלער האט ער – דער אייבערשטער זאל אפהיטן – גע'הרג'ט אידן.

## הפסח אינו נאכל אלא למנויין - מעמבערשיפ

מאויבי תחכמני, מיר שטייען מיר חנוכה, ווי די יונים האבן געזאגט "כתבו לכם על קרן השור שאין לכם חלק באלקי ישראל", די יונים האבן פארשטאנען מען דארף מאכן מעמבערשיפ, זיי האבן גענומען חתימות, מדה טובה מרובה "כתבו לכם" מען זאל זיך איינשרייבן אז איך בין פון די דאזיגע אידן שיש לי חלק באלקי ישראל, איך לעב מיטן הייליגן באשעפער.

"נטרונא" איז דער מקור אין פסיקתא דרב כהנא פרשת החודש און אין מדרש ילקוט, זאגט דארטן דער מדרש וואו קומט דערווארט נטרונא? פון פסוק והיה לכם למשמרת, משמר – ווארטן, און פון פסוק לא תאכלו ממנו נא, די נטרונא איז צוזאמגעשטעלט פון 2 ווערטער אויף די 2 פסוקים. האב איך געטראכט: פסח איז טאקע נאכל נאר מן הנמנין, מען האט געדארפט זיין איינגעשריבן אין די חבורה און אזוי האט מען געגעסן דעם קרבן פסח.

נטרונא – זאגט אונז דער מדרש – איז כיוצא בו, אז מען וועט זיין איינגעשריבן, און דער אייבערשטער וועט העלפן מען וועט נאך געבן אפאר דאלער, וועט מען וויסן מען האט א חלק אינעם מלחמה לה' בעמלק.

# המשך דרשות הסברה
## ביי היסטארישע כינוס כללי
## פון נטרונא ב' מקץ תשס"ח

וועל איך מסיים זיין, ווי דער הייליגער זיידע לאזט אויס אין די תורה, דער דברי חיים וואס מיר האבן פריער דערמאנט, אז וויבאלד מיר גייען אריין אין די חנוכה טעג וואס דער הייליגער באשעפער דרייט זיך אינדרויסן אין די טונקעלע גאסן למטה מעשרה טפחים, און אז דער אייבערשטער איז דא קען יעדער איד שרייען "הושיעה המלך" און זיך אויסבעטן.

זאל דער אייבערשטער העלפן, עד מתי אלקים יחרף צר ינאץ אויב שמך לנצח, אין "ספר אפס בלתך" צום סוף ווערט געברענגט א דרשה פון הרב ר' ברוך קאפלאן מנהל בית יעקב, וואס ער האט בימיו פארציילט די גאנצע השתלשלות פון די מלחמה קעגן די ציונים, אז ווען מען האט אנגעהויבן איינעמען דעם כותל – די ציונים – האבן זיי געהאלטן א גרויסע פראטעסט פון צען טויזענט אידן, האט דער רב הראשי געזאגט ביי די דרשה "שמע ישראל הכותל כותלינו הכותל אחד". אינזער הייליגער רבי זי"ע האט אויסגעשריגן "יא יא, ווילאנג מען וועט נישט גלייבן אז ה' אלקינו ה' אחד, וועט מען בלייבן מיט איין וואנט, אז מען וועט אויסרייסן דעם שמע ישראל ה' אלקינו, וועט טאקע זיין כותל אחד".

איז דער תכלית איז, ועתה ברחמיך הרבים עמדת להם בעת צרתם – זאגט די ספרים אז דער אייבערשטער זעהט עס טוט אונז וויי, אז מיר האבן מיטגעפיהל, און מיר טוען מיטוויינען מיט די גלות השכינה, וועלן מיר זוכה זיין צו וכל הרשעה כולה כעשן תכלה, כי תעביר ממשלת זדון מן הארץ, והיה ביום ההוא יהיה ה' אחד ושמו אחד, בביאת משיח צדקינו בב"א.

---

## סיום היושב ראש שליט"א

נאך אזא דרשה פונעם חשוב'ן דיין שליט"א קען מען באמת זאגן "כל המוסיף גורע", עס איז שוין גארנישט דא וואס צוצולייגן, ווי מיר געפונען פסח ביים אפיקומן "אין מפטירין אחר הפסח אפיקומן" אז מען טאר גארנישט עסן נאכן אפיקומן, פארוואס? כדי שישאר טעם מצה בפיו, וועלן מיר אזוי אויך שליסן דעם מעמד מיט די ווערטער פונעם חשוב'ן דיין, אז דער עולם זאל בלייבן מיט די ווארימע דיבורים.

וועלן מיר נאר מסיים זיין מעין הפתיחה, דער עולם זאל געדענקן אז ביים יעצטיגן געלעגנהייט איז דאס א גראדער המשך פונעם פריערדיגן כינוס כללי פון תשכ"א וואס דער רבי זי"ע האט אונז אויסגערופן די געוואלדיגע מצוה און חיוב וואס ליגט אויף יעדן יחיד בכל מקום – ווי מיר האבן מעתיק געווען דעם לשון פונעם רבי'ן – בכל מקום ובכל עת ובכל שעה, וואס נטרונא איז דער מוסד וואס פירט אן דעם מלחמה אקעגן די ציונים בכל מקום ובכל עת ובכל שעה, און דורכדעם וואס דער עולם וועט נעמען טאקע א חלק מיט מעמבערשיפ, די מינימאלע יכולת, וועט דאס העלפן אז יעדער איינער זאל קענען טאקע האבן א חלק אין די געוואלדיגע מצוה, אין די געוואלדיגע הפגנה בכל מקום ובכל עת ובכל שעה.

זכאין כד שמעתון שבח דא שירתא, וואויל איז די אידן וואס האבן געהאט א חלק אין די מעמד קידוש שם שמים היינט נאכט, אין די מעמד וואס עס זענען זיך צוזאמגעקומען אידן אן קיין שום פארטייאישע אינטערעסן נאר טאקע שיתגדל ויתקדש שמיה רבא, קביעין כן תהוון בהני חבורתא, די אלע אידן טאקע זאלן זיך איינשרייבן אין די חבורה, ותזכין די תיתבון בעילא דרתא, וועט אודאי – ווי רביה"ק האט געזאגט ביי קרן הצלה פאר די אידן וואס טוען קעגן די מלחמה – וועט אודאי, ווען משיח וועט קומען וועט ער ווייזן מיט די פינגער אז די אידן זענען וואס האבן זוכה געווען מקרב צו זיין די גאולה.

דער אייבערשטער זאל טאקע העלפן, אזוי ווי דער נביא יחזקאל זאגט והכהנים הלוים בני צדוק אשר שמרו את משמרת מקדשי בתעות בני ישראל מעלי, די אידן וואס האבן זיך געהאלטן אפילו ווען עס איז געווען אזא בלבול המוחות, אזא בלבול הדעת, המה יקרבו אלי לשרתני, עס איז בלי שום ספק אז אין אזא נאכט וואס עס קומען זיך צוזאם אזויפיל הונדערטער אידן מקדש צו זיין שם שמים בעולם, איז א געוואלדיגע עת רצון אין הימל, און דאס איז קלאר אזוי ווי דער רבי האט אונז געלערנט אז די מרידה במלכות שמים דאס איז מעכב די ביאת הגאולה, איז אודאי אז אזא מעמד, אזא מקום נורא וואו אידן זענען זיך צוזאמגעקומען נאר פאר איין סיבה, נאר פאר איין תכלית האט מען צוזאמגעברענגט אזא ציבור, כדי שיתגדל ויתקדש שמיה רבא, איז אודאי א געוואלדיגע עת רצון, און דער אייבערשטער זאל העלפן אז דאס זאל מקרב זיין ביאת הגואל, טאקע בימי חנוכה זאלן מיר זוכה זיין צו אורו של משיח בב"א.

# דבר זה רבינו הגדול אמרו!

### עם זו יצרתי לי תהלתי יספרו

#### פסק הלכה

ויש לי הרבה ראיות ומקורות להביא על זה, מצוה על כל יחיד ורבים להפגין ולהתריע באיזה אופן שיכול ולעשות כל מה שביכלתו, למען כבוד השי"ת המחולל על ידיהם, ויש להגיב בכל עת ובכל שעה ובכל מקום.

(אסיפת התאחדות הרבנים תשי"ח)

וא"כ הוא חיוב עצום להודיע אף להאומות שעדיין יש תורה בישראל ויש שומרי תורה ומצות בישראל שזועקים נגד הפרת הדת, בכל לב ונפש.

(ויא"מ עמוד קכ"ו)

... תוכן הדברים איז, דעס געפאר פונעם כלל ישראל איז ווייל מ'זאגט אז די וואס זענען נישט קיין שומרי תורה און די וואס זענען כופרים דיא זענען די מנהיגי ישראל, די אומות ווערן פארפירט דורך זיי און באקומען דעם שנאת ישראל, איינס פון די גרעסטע מצות העט געווען, מיטן גרעסטן מסירת נפש.

"מ'זאל קאנען מודיע זיין פאר די אומות אז זיי זענען נישט די פארטרעטערס פון כלל ישראל, יודען שומרי תורה האבן מיט זיי קיין שייכות" מסירת נפש פאר דעם צו האבן העט מען געדארפט, נאר בעוה"ר מ'האט דאך מורא פאר'ן דור, טאמער זאגט דאס איינער זענען דאך די ערליכע מנהיגים לוחם דערקעגן מיט תירוצים שונים. עכ"ל.

(כינוס הכללי אסרו חג שבועות תשכ"א)

### ונקדשתי בתוך בני ישראל

**והעיד הנסיון שנמצאים בישראל אנשים תמימי לב שבאים לידי הבנה, וע"כ חוב עצום מאוד לברר האמת גלוי לעין כל** וימצאו עוד לבבות בכותלי ביהמ"ד וגם בחוצות וברחובות שיהי' להם תועלת מזה.

(ויא"מ עמוד י"ג)

**וע"כ אחריות גדול ועצום מוטל עלינו לצעוק ככרוכיא גלוי לכל ישראל נגד הטומאה העמוקה כ"כ בדורינו, ותקותינו שימצאו הרבה אנשים שאף אם עכשיו לא יועיל להם מאומה, מכל מקום לאו כל הזמנים שוות, ויבא עוד זמן שיפתחו איזה לבבות בני ישראל**, ויפקחו עיניהם ויגיעו לאזניהם הקולות מצלצלים מדרך הראשונים, שבקשו אמת ואמונה כראוי. משא"כ אם ח"ו הקולות יחדלון, ואין אומר ואין דברים בלי נשמע קולם בכל גבולי ישראל ח"ו, אבדה כל תקוה. וכבר הבאתי מדברי הרמב"ם שעפ"י הדין מחויב כל אחד ואחד לסבול הכל מאנשי דורו עבור כבוד השי"ת ותורתו הקדושה, כמו שסבל אברהם אבינו ע"ה.

(ויא"מ הקדמה)

**ואם יעלה בידי שאזכה להוציא מהמבוכה בדעה הרעה הזאת אף אחד בישראל, הכל כדאי** כי אם נקח כל פירצות הדור והעבירות המרובות הנעשית בכל העולם וישימו אותם בכף מאזנים אחת, ומדינה הציונית בכף מאזנים השני' תכריע את הכל, שהוא השורש פורה ראש ולענה של אבי אבות הטומאה שבכל אבות הנזיקין שבכל העולם כולו, והן המטמאים את כל העולם כולו.

(ויא"מ הקדמה דף י"א)

# שליסט אייך אן היינט אלס א מעמבער!

## וצדיק באמונתו יחי'

יערליכער מעמבער קאמפיין למען המוסד הק'

נטורי קרתא

True Torah Jews

חבר אני
לכל
אשר יראוך

לעשות
רצון קדשו של
רבינו הקוה"ט
מסאטמאר זצוק"ל

## זה, לעומת זה ביום המר והנמהר ה' אייר

להודיע ולפרסם שהציונים אינם באי כוחם של היהודים


True Torah Jews
183 wilson Street, PMB 162
Brooklyn NY 11211



Non profit
organization
U.S. Postage
PAID
Brooklyn NY
Permit No. 523